STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04120

A REGE DAKHTENISH

M. M. Shaffir

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

אַ רגע דאַכטעניש



מאָנטרעאל, קאַנאַדע

1969

M. M. SHAFFIR

A Regge Dakhtenish

A MOMENT OF PHANTASY

Poems

I gratefully acknowledge the assistance of the Canada Council in also making this publication possible.

M. M. SHAFFIR (Schachter)

Montreal, May 1969.

אַ דאַנק

אַ האַרציקן דאַנק מיין טייערן פריינד, דעם מדרש־פּאָרשער שמשון דונסקי, וואָס ער האָט מיר ווידער אַ מאָל געהאָלפן ביי דער קאָרעקטור און ביים אויסיעטן נישט נאָר טיפּאָ־גראַפישע גרייזן, נאָר סתם טעותים. איך וועל אים מיט דער צייט איה״ש אָפּדינען אין פריידן.

מ. מ. ש.

גלאָסאַר — ביים סוף

Printed in Canada by
NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1969

אזוי קומט דאָס ליד

פון ערגעץ פאַלט אַ קוימיקער שיין
אין דער פינצטער פון מיין האַרץ אַריין.

איך ווער פול מיט גאַרונג און לויטערן וויי,
ווי אַ צעאַקערט פעלד נאָכן פאַרזיי.

ווערטער קומען אויף דער צונג,
ווי ביטערזיסער וויין אַ טרונק.

איך רעד זיי אַרויס ווי פאַר זיך אַליין,
און איך הער אין מיר אַ דין געוויין.

אַזוי קומט דאָס ליד פון האַרץ צו ליפּ —
מיטן טרוקן געוויין און באַטעמט געכליפּ —

דער פולער האַרצקרוג בייגט זיך אויס,
און סע ווערט דאָרט שטיל, ווי׳ן אַ ליידיק הויז . . .

צו דער מאַמען

דעמאָלט,
ווען די וויטן האָבן אָנגעהויבן שלעפּן
דיינע קינדער איינציקוויז, — ווי פּיפּער־פייגל
וואָלטן אויסגעשטרעקט פון דאָרט די שפּינען־פינגער
און אַ כאַפּ געטאָן אַ קינד, ווי די כאַפּונעס —
און די שטוב פלעגט ווערן ליידיקער און פּוסטער,
און דו האָסט פון בענקשאַפט זיך גענומען טאַפּן —

פלעגסטו אומגיין שטום מיט איינגעפּרעסטע ליפּן,
און זיך שטיקן מיט דער פּיין און שלינגען טרערן —
און זיך היטן פאַרן טאָטן, וואָס ער טענהט
אַז ס'איז אַלץ נאָר מיטן אייבערשטנס השגחה — — —
דעמאָלט איז מיר אין געמיט פאַרגאַן דיין טרויער
און זיך איינגעהיימישט און געגומען גרינען . . .
כ'האָב פאַרזאַפּט אין מיר דיין נישט־געוויינט געיאָמער
און פון דיין צעלעכערט האַרץ די שטילע זיפצן —
אינעם עובר פון מיין ליד, דעם קוים געדאכטן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
מיט די רייד, וואָס ליגן אין מיר איינגעזונגען, —
אָט־די זכותים, וואָס איך האָב פון דיר גערשעט —
לייטערט זיך אין מיר דיין בענקעדיקער טרויער
און פארחלומט מיר די פּינצטערדיקסטע שעהען;
דעמאָלט טוליעט ווידער עמעץ מיך צום האַרצן
און איך גיי אַרום בהקיץ ווי'ן אַ דמיון,
מיט אַ וואָרט, ווי א נבואה, אויף די ליפּן . . .
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אין די דחקות־זאַמדן, וואָס ביי אונדזער שטיבל,
פלעגן פון דיין שמייכל צוויטען קאַרנקוויטן
און דאָס דימענטגאָלד פון דיינע רייד און ווערטלעך.
איצט צעעפן איך פון דעמאָלט די פּאַטשיילע,
וואו סע ליגט די זיפּ מיט איידלדיקע שטיינער,
וואָס איך האָב אין זאַמד ביי אונדזער שטוב געפונען . . .
ס'איז מיר וואויל באַשערט צו קנעטן ברויט מיט חלום,
און זיך לאַקעמען נאָך יענע ווערטערגאָלדן,
וואָס זיי אייביקן אין מיר מיט גוטע שיינען.
איך צעדאַוון מיך מיט טיפער, פרומער דאַנקשאַפט,
און צעבייט די גאָלדן און איך טייל צדקה —
אין די האַלב־פאַרמאַכטע בריוו פון מיינע לידער.

לשון מיינס

ביסט געהייליקט געוואָרן אין מויל פון פאַרשניטענע קינדער,
וואָס מ׳האָט זיי געפירט צו דער שחיטה ווי יונגינקע רינדער —
לשון מיינס.

איז אַ חידוש, וואָס איך באַוואָש איטלעכס וואָרט דיינס מיט טרערן?
נאָר נאָכן פאַרקלעמטן געוויין נעמט מיר ליכטיקער ווערן,
לשון מיינס.

איך וועל קיין געטרייער וואָרט נישט אין ערגעץ געפינען —
איז מיר גוט צו טרינקען דיין קלאַנג און מיט אים זיך פאַרכלינען,
לשון מיינס.

איך נעם דיך אַרויף אויף דער צונג — און סע נעמט אין מיר זינגען,
אַ ניגון נעמט קלימפּערן און איך קלאַפּ צו מיט די פינגער —
לשון מיינס.

אַ וואונדערלעך פידעלע ציטערט מיר אין דער נשמה;
דו גיסט מיר אַ וואַכיקן חלום, דו גיסט מיר אַ נאָמען —
לשון מיינס.

איך הער אין דיר וויינען די שכינה און מאַמעדיק בענקען —
איז קיין חידוש נישט, וואָס איך בין גרייט דיר דאָס חיות צו שענקען,
לשון מיינס.

און יענער, וואָס שפּייט אויף דיר, שפּייט אויף מיין ליכטיקער מאַמען, —
ווי זאָל מיר פאַר ווייטיק און בושה דאָס פּנים נישט פלאַמען,
לשון מיינס?...

אַ סענטימענטאַל ליד

דאָס ליד איז ווי א פּייפל —
איך שפּיל דערויף און שפּיל ;
איך בין שוין אַזש פאַרמאַטערט
פון שפּילן אַזוי פיל.

דער אומעטוואָלף באַפאַלט מיך
אויך ביים געזעמל פרייד —
ווערט שטאַר די צונג פאַר ווערטער,
און שווער מיט שטאַמלרייד.

איז רירן אָן די פינגער
די פלייט, פון זיך אַליין —
איך שפּיל, איך זאָל נישט הערן
דאָס אייגענע געוויין.

אַדיע, איר גוטע־ברידער,
און זייט מיר נישט באַטריבט —
מיין טרער איז אַ פאַרשעמטע,
אַ שאָרך איז איר נישט ליב.

איך עפן טיר און טויער,
און הייב מיך אויף און פלי —
און באַלד פאַלט צו דער אָוונט,
איך ווייס אַליין נישט ווי.

און באַלד בין איך צופוסנס
פון אַ פאַרטראַכטן טייך,
און וויג מיך ווי א ווערבע,
מיט אַלע ווערבעס גלייך.

דער אומעטוואָלף, דער כמורנער,
יאָגט נאָך אויך דאָ אַהער —
נאָר דאָביים טייך, אין אָוונט,
איז ער קיין וואָלף נישט מער.

ער ווערט אַ לאַם, אַ שטילע,
וואָס כ׳האַלט זי אויפן שויס.
פון אירע גוטע אויגן
אַן אומעט קוקט אַרויס.

נישט ציטער און נישט פלאַטער,
דו, שאָף געטרייע, דו —
דער טייך איז איינגעשלאָפן
און וויל אונדז געבן רו . . .

— — — — — — — — — — —

דער טייך איז איינגעשלאָפן,
די ווערבע, אָבער, ניין.
די ווערבע מיט איר טרויער —
דאָס בין דאָך איך אַליין.

איך וויג מיך ווי אַ ווערבע
אין ווינט, געלייגט און מיד.
די בענקעניש פארוויגט מיך,
וואָס בליט אין מיר ווי צוויט.

זי שמעקט מיט עפּל־בליאונג
און שיכורט מיך ווי ווייַן.
נישטאָ קיין בעסער שיכרות,
ווי ניכטער שיכור זייַן.

אַ סאַמעטענע שטילקייט
הילט איין די וועלט, ווי וואַל.
מיין לאַם האָט איינגעדרימלט
צום קלאַנג פון מיין פייפיאַל.

דער בלויער דימענט אָוונט
איז גינציק און ער לייכט,
און ווייזט מיר כל־הוואונדער
ביי זיך אין קיניגרייך —

דער וואָלקן ווערט אַ פידל,
אַ פלייט — אַ צווייג, אַ שפּאָן;
און אַלץ ווערט פלייט און ויאָלע,
וואָס נאָר מיין אויג רירט אָן.

אָט צייל איך שוין די שטערן,
וואָס וואַקסן אין דער הייך.
איך האָב געליטן חרפות,
און כ׳האָב עס קוים דערגרייכט.

אַ שווערער נעפּל אומעט
האָט מיר דעם בליק פאַרשטעלט —
כ׳האָב נישט געזען די שטערן,
וואָס ברענגען טרייסט דער וועלט.

כ׳האָב נישט געזען די שקיעה —
אז זי איז גאָלדגעליישט.
דער טרויער, ווי א זשאַווער,
האָט מיר געסמט דאָס פלייש.

אַך, גוטע אָוונט־שטילקייט —
דאָס הייליקסטע גאָטס אָרט —
איך וויל דיך עפּעס פרעגן,
נאָר כ׳וואַרג מיך מיט אַ וואָרט.

דאָס לשון מיינס איז טמא,
און איך בין מיד פון רייד.
כ׳האָב נאָר דאָס ביסל קלאַנגען,
וואָס ריזלען פון מיין פּלייט.

די שעה פון געלייטערטקייט

כ׳גיי אום ביי טאָג ווי אַנגעטאָן אין קייטן,
און יעדער טראָט איז וואַקלדיק און פאַליק.
ווען ס׳נייגן זיך די שטערן איינס צום צווייטן,
הייבט אָן געדאַכטע טרייסט אין מיר צו קוואַלן.

דער טרויער קומט און בויט פאַר מיר אַ פּאַלאַץ,
מיט ווייטע מיניעטנדיקע ווענט, באַגילדטע.
סע טאָר קיין שטויבעלע אויף זיי נישט פאַלן,
מיט ווערדע מוזן פּעכלען זיינע בילדער.

און פאַרן פּאַלאַץ איז פאַראַן אַ לאָנקע,
אַ לאָנקע אָן אַ פּלויט און אָן אַ וועכטער.
ביי טאָג בין איך דאָרט בלינד און קען נאָר בלאָנקען,
און ס׳עפנט זיך מיין ראיה אין די נעכט נאָר.

אין מיטן לאָנקע רוט אַ טייך, אַ רונדער,
איך טובל מיך אין אים ביי שיין פון שטערן —
פאַרגעבונג איז אַ וואונדערלעכער וואונדער —
און מיר נעמט דאַכטן: ס׳עט מיר גרינגער ווערן.

איך וועל דאָ וואוינען און נישט מער אַנטלויפן,
און כ'וועל די וואונדן מיינע מער נישט ציילן.
דער טאַטער, וואָס ער קומט זיין זאַלב פארקויפן —
ער ווייסט נישט, אז ער דאַרף אַליין אַ היילונג . . .

איך וועל דאָ שטענדיקן און אייביק צאַנקען,
איך דאַרף נישט יאָגן זיך און זיך נישט זוימען.
איך דארף נישט לעסטערן און דאַרף נישט דאַנקען,
ווייל וואָס איז אַלץ ? נאָר שפּינוועבס, שאָטנס, שוימען.

איך דאַרף נישט פיינטן און איך דאַרף נישט ליבן,
און דאַרף נישט קילן מיר די הייסע שלייפן.
און אַלע לידער, וואָס איך האָב געשריבן,
פאַרשווינדן דאָ ווי רויך, אין דינע רייפן.

און אויס מיט מיינע וואַכע אַנגסטן־קייטן,
און מיט דער שווערסטער אויס — מיט דער פאַרשעמטקייט.
מ'עט מיך צו חכמה נאַרישער נישט נייטן —
דער שכל גיט דאָ גאָרנישט און ער נעמט נישט.

און פאַלן רעגן־טראָפּנס פון די דעכער —
דערמאָנען זיי מיך מער נישט אין קיין טרערן.
און איך באַדאַרף שוין מער נישט קוקן העכער —
אין רינשטאָק זע איך דאָ די שענצטע שטערן . . .

דער פּאַלאַץ ציט זיך אויס אין אַלע זייטן,
דורך טרעפּ און דורך פאַרהוילענע טונעלן.
דער מידער וואָגלער זעט אים פון דער ווייטנס
און פאַלט פאַרשמאַכט ביי זיינע גוטע שוועלן.

וואָס טיפער ס'איז דער פּאַלאַץ — אַלץ מער בלענדט ער,
אַזש דו דערפילסט נישט מער קיין גוף און שאַרבן.
און וואָס דו רעדסט אַרויס, איז באַלד געגענט עס,
וואָלסט אַזש אין דער פאַרבלענדטקייט וועלן שטאַרבן.

אַהין האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין מיין אומעט, —
אין איינעם פון דעם פּאַלאַצס שטיבער ווייטע.
דער רויש פון כוואַליעס קען אַזש קוים דערקומען
וואו ס'ליגט מיין לאָדקע מיט צעזעצטע זייטן.

דאָרט ליג איך מ'יט א ממזר ביי די ברוסטן,
וואָס צאַפּט אין זיך דעם קליאָק פון מיינע ביינער.
פון אַלע וויסטע בערג און וועלדער פוסטע
באַפאַלן מיך געיעכצן, ווי מיט שטיינער.

איך קוק אַריין אין מיר און הינטערווייַלעכץ,
און איטלעכס אבער הייבט אָן אין מיר קלאָגן:
כ'בין נאָר אַ נישט אין גרויסן גאָרנישט גריילעך —
און כ'האָב עס גאָר געוואָלט מיט גראַמען זאָגן . . .

און דעמאָלט הייבן אָן אין מיר צו תפילהן
אָן לשון גאָר און מיט אַ שטום געוויין נאָר,
דער מאַמעס שעפּטשענדיקע ווערטער שטילע,
דעם טאַטנס א פאַרטראַכטער ניגון איינער.

זיי שעפּטשען ווי מיט ליפּן האלב פאַרשטאַרטע,
די ווערטער און די קלאַנגען זענען שטומע:
ווערסט אַלע טרויעראַנגסטן איבערוואַרטן —
די שעה פון דער געלייטערטקייט וועט קומען.

דריי געשטאַלטן, שאָטנס

דריי געשטאַלטן, שאָטנס, קומען מיר זיך ווייזן,
ווען איך בלייב אַליין מיט מיר און מיט מיין ווײ.
פון די ווייטן קומען זיי, אין שטילע קרייזן;
אַ געהויקערטער אין לייד — דערזע איך זיי.

עפּלביימער צוויי, און אין דער מיט — אַ ליפּע,
שפּייזן מיך מיט חלום, ווי מיט מאַנדלברויט.
איך פאַל צו צו זיי מיט כליפּעדיקע ליפּן —
איך טו אָפּ פון צווישן אונדז דעם גבול פון טויט.

אפשר מערשוימקרוגן דריי, און נישט קייןביימער;
נישט קיין צווייגן גאָר, נאָר פולע לאָגלען טרייסט
פאַר אַ שמאַכטנדיקן צווישן מדבר־שטיינער,
וואָס אַנטלויפט פון גזר, נאָר ס׳מיידט אים נישט קיין בייז.

וואָלקנס מדבר־זאַמדן קענען נישט פאַרהאַלטן
מיין געדעכעניש, דעם דינעם זילבערטייך.
אָט־די שאָטנס דריי, די ליבלעכע געשטאַלטן —
דאָס איז דאָך דאָס אוצר־הויז, וואָס מאַכט מיך רייך.

דאָס איז דאָך די ראָשטשינע פון מיינע לידער
און דער פּרילינגגווינט, וואָס אויף מיין ווינטערפעלד.
נאָך אַ וויגע איז באַשערט צו שמייכלען ווידער —
ווייל די דריי געשטאַלטן היטן מיר די וועלט.

איינע האָט געשפּייזט מיין לייב מיט אירע בלוטן,
און האָט מיר איר צונג געגעבן און איר טרער.
לאָמיך זוכה זיין אין לעצטיקע מינוטן
פרום צו פאַלן אויף איר הייליק שטיקל ערד.

און די צווייטע האָט גערעדט צו מיר אין בידע:
„לאָז מיך, כ׳וויל דיך האַלדזן ווי אַן אייגן קינד.
כ׳זאָג דיר צו, אין דיינע אויסגעבענקטע לידער
וועסטו וויסן, וואָס איך רעד צו דיר אַצינד.״

און דער דריטער צערטל איך די יונגע צווייגן
אויך אצינדערט נאָך, אין מיין באטריבט געמיט.
ווי מיין לעבן, פון איר ליבשאַפט מוז איך שווייגן —
מיט די טמאדיקע ליפּן פון מיין ליד.

דריי געשטאַלטן, שאָטנס, קומען מיר זיך ווייזן,
ווען איך בלייב אַליין מיט מיר און מיט מיין ווײ.
פון די וויטן קומען זיי, אין שטילע קרייזן:
אַ געהויקערטער אין לייד — דערזע איך זיי . . .

הימל און ערד

אַ מאָל האָט די ערד דעם הימל געזאָגט:
„גענען אַראָפּ צו מיר.
איך וואַרט אויף דיר אין אַ בלימלדיק קלייד,
און מיט רויזנאייל בין איך געשמירט.

מיט בענקעניש שווער איז מיין איטלעכס גליד —
גענען אַראָפּ אַהער.
און לאָמיר געבוירן אַ נייע געשטאַלט,
געפּאָרט פון הימל און ערד.״

די ערד האָט צעפלאָכטן די וואַלדיקע צעפּ,
און געשטרעקט אירע בערג צו דער הייך —
נאָר אַ מידקייט האָט איר די אויגן פאַרדעקט —
און דעם הימל האָט זי נישט דערגרייכט.

האָט די ערד געוואַרט אויף דער פרומער שעה,
וואָס צווישן טאָג און נאַכט,
ווען דער הימל בייגט זיך אַראָפּ צון איר
ווי צון איר וואָלט אים עמעץ געבראַכט.

איז געקומען די שעה צווישן טאָג און נאַכט,
די שטילע, פרומע שעה —
ווען מע דאַרף נישט די ליבשאַפט רופן מיט רייד,
נאָר מע פילט, אַז זי איז דאָ.

איז די זון אוועק און פון ערגעץ געבראַכט
אַ פּאָר ליכטיקע מירמלטרעפּ —
און זיי פאַרשפּרייט פאַרן הימלס טריט,
מיט פאַרנאַכטיק־קילן קרעפּ.

האָט דער הימל פריער אַ פּאָכע געטאָן
מיט פאַרכמורעטע וואָלקנס צוויי,
נאָר די קיילעכיקע בערגלעך ערד —
ווי שמייכלט מען נישט צו זיי?

האָבן ערד און הימל זיך אָנגעקוקט
אזוי ווי פאַרליבטע צוויי,
און די ליפּן צוגעדריקט צו דער פרייד,
וואָס זי קומט אין אײנעם מיט ווײ.

אַ דונער האָט נאָענט א בליץ געטאָן,
און פאַרלויכטן די וועלט ביזן זוים.
און די בענקעניש איז געוואָרן באַלד —
אין א מושל אַ פּערל טרוים.

דערנאָך איז אַראָפּ פון אַ הויכער הייך
אַ שטילער רעגנשלאַקס,
און גע־אָגט מיט אַ קול, וואָס מ׳האָט קוים געהערט
מ׳האָט עס נאָר געפילט: איצט וואַקס . . .

איז די פּערל געוואָרן אין חלום אַ פרוכט
וואָס אַ בוים האָט מיט איר זיך געוויגט —
און געוויזן דער גאַנצער גרויסער וועלט
ווי שיין ער איז באַגליקט.

אַ טויבנפּאָר אויף א נאָענטן בוים
האָט געטירקלט אַ גאַנצע נאַכט.
פאַר טאָג האָט דער הימל געזעגנט זיך —
און די טויערן נישט פאַרמאַכט . . .

האָט די ערד אַ פלאַטער געטאָן נאָך אים:
„אוי, ווער האָט מיין פרייד פאַרשטערט !״—
און אַ ווינטל האָט איר אָפּגעווישט
פונעם פּנים דעם טוי, די טרער . . .

אויף אַ פֿאַרנאַכטיקטער סטעזשקע

א.

אויפֿן הימל הענגען וואָלקן־ציכלעך,
פּעדעם ציען זיך פֿון זיי ווי סטרונעס.
גוטער רויך פֿון ברענענדיקע שטאָפּלען
האָט געבלאָנדזשעט און האָט מיך געפֿונען.

אָט אַזאַ מין גוטער רויך דערמאָנט מיך
אין דער היים — סע פֿעלט אים אַזש קיין האָר נישט.
איך פֿאַרבייס די ליפּן ביז צו וויטיק,
ביז צו בלוט — און זאָגן זאָג איך גאָרנישט . . .

עט, איך זוך אַ שטיין און זעץ מיך דומען,
און דאָס פּנים — אין אַ בוך געצוווּרעט.
קומט די זון און מיט אַ לאַנגן פֿינגער
טייטלט זי מיר אויס איעדע שורה.

הימל־פּאַשעס הייבן אָן זיך מיניען,
שקיעה־פֿידלען הייבן אָן צו בענקען.
און דאָס בלויע טייכל נעמט זיך טונקלען —
אַז די שטערן זאָלן דאָרט זיך שווענקען.

מיר איז גוט ביז אין די שפּיצן פֿינגער —
כ׳טראָג א ווינטל ווי אַ פּעלערינע,
און איך זשומע מיט אַ בין אַ שפּעטער —
האָניק קלייבן ליגט איר אַלץ אין זינען.

כ׳הער דאָס נאָענטע זאַנגענפֿעלד ווי ס׳אָטעמט.
ס׳נעמט מיך דורך אַ דראָזש מיט גוטע אַנגסטן —
פֿון דער טונקל קוק איך אין דער ליכטיק,
פֿאַלט מיר איין אַ וואָלעכל, אַ לאַנגסטיקס.

אין דער ווייטנס שטייט אַ וואַלד און טונקלט,
און מיך רופן זיינע טונקלענישן.
וואַלד איז אייביק וואַלד און אייביק רופט ער,
מעגן אין די מאָכן שלענגלעך צישען . . .

אָט, אַ פּאָטיק זון ביי מיר צופוסנס,
און איך וואָש דערינען די אָפּצאָסן.
ווען איך זאָל נישט זיין אַזאַ מין שוטה —
וואָלט איך דאַרפן טאַנצן אין די גאַסן.

ב.

כ׳בין אַוועק מיט אַ פאַרנאַכטיקער סטעזשקע,
פון שטילקייט וועגן,
און כ׳האָב דערזען אַ וואַלד,
ווי ער קומט מיר אַקעגן.

ווי קומט אַהער אַ וואַלד,
אַ פאַרטראַכטער ?
איך זע אים צום ערשטן מאָל,
כאָטש איך קום אהער אַלע פאַרנאַכטן.

דער וואַלד פאָכעט צו מיר
מיט ווייטע צווייגן :
האָב שכל,
קום אַריין אין מיין שווייגן.

נו, ווי טוט מען עס נישט אַ וואַלד צו ליב,
אַז ער רופט דיך ?
גרילן צווירקען פוןביידע זייטן סטעזשקע
נידעריק אין דער לופטן.

פון סאַמע מיטן וואַלד
רופט מיך עמעץביים נאָמען.
דאָס באַהאַלטענע ציט מיך נאָך אַלץ —
סע גיט אַזש אַ פלאַטער די נשמה . . .

ג.

אין אָט־אַזאַ וואַלד,
אין אַ פאַרנאַכט מיט אָט־אַזאַ הימל,
האָב איך אַ מאָל, העט דאָרט און העט דעמאָלט,
געפונען אַ ווילד בלימל.

איך ווייס נישט פון וואַנען,
נאָר אַ ווינט האָט עס פון ערגעץ געטראָגן.
כ'האָב געפרעגט אויף ציגיינעריש: „קום טע קיאַמא ?"
נאָר דאָס בלימל וויל נישט זאָגן.

איך האָב פאַרהאַלטן דעם ווינט —
און גענומען צערטלען דאָס בלימל.
נישטאָ זיך וואָס צו שעמען דערמיט,
און נישטאָ זיך וואָס צו באַרימען.

אַ באַגעגעניש אָן געפּלוידער,
אַ געזעגעניש אָן גערײדן.
ווי אַ סליד פון שוים גייט נאָך אַ שיף,
גייען מיר נאָך יענע בלימל־פריידן.

עט, טשיזשיקל אויפן בוים,
דו שפּילסט אַ שטיל פאַרטראַכטעכץ,
און דערמאָנסט מיך תמיד דאָס אייגענע
אין אָט־אַזעלכע פאַרנאַכטן.

ד.

אַ ווייסער שאָטן גייט מיר נאָך,
ווי אַ קאַץ, אַ שטילע.
איך שפּין שורות ליד,
איך טו שטומערהייט תּפֿילה.

עפּעס גייט אויף אין מיר,
ס׳הייבט אָן אין מיר צו זינגען,
און זע נאָר, זע, —
אין צווייען איז טאַקע גרינגער . . .

נאָך פּרילינגן לידער ביי מיר אין די נעסטן —
זאָל איך זיי צעבּישטן, בּידיים ?
אזוי זאָל איך דאַנקען מיין שר אין הימל,
וואָס ער איז צו מיר גינציק עד־היום ?

טאָגטעגלעך פאַלט טוי אויף מיין זיכּרון,
אין זכות דערפון לעב איך.
בורשטינענע פידלען דערהער איך פון דער וויט,
ווי בּלויע טויבן זאָלן קומען צו שוועבן.

כ׳ווייס, כ׳בין נישט דער זינגער פון מיין דור,
מיט דער האָ הידיעה.
כ׳בין נישט קיין נביא, כ׳בין גיכער אַ ליגנער —
זאָלן זיך פאַר מיר טאַטע־מאַמע מיען.

כ׳האָב לידער אין די שויטן —
דאַרף איך מיך דערמיט שעמען ?
יענע, וואָס רופן צו מיר די מקוננות,
זענען פאַרשטאָכענע קרעמערס.

איך בין אַ טירקלטויב,
מיין וואָרקען איז אַ וויינען און אַ ברומען
אויף דער גאָלדענער פּאַווע,
וואָס איז אין איינעם מיט איר נעסט אומגעקומען.

כ׳האָב מיטגענומען אירע אַ גאָלדענע פעדער,
וואָס זי האָט מיר אַליין געשאָנקען:
נאַ, דאָס וועט דיך שטאַרקן אין אַלע דיינע קלעמען,
אין דיין וואָגלען און בלאָנקען.

כ׳האָב מיך קוים מיט דער פּאַווע געזעגנט —
האָט אַ וויכער גענומען מיך טראָגן.
דערפאַר איז דער טרויער מיין קאַמערטאָן,
און מיינע ניגונים זענען געקלאָגן.

מיין ליד האָט פאַרנעפּלטע אויגן,
איך האָב עס ווינציק געצערטלט.
כ׳האָב עס נישט געשפּייזט מיט קיין פּאַטראַוועס,
כ׳האָב עס מיט חורבן־אַש גענערט נאָר.

איך טו עס אָן אין קאָלטענעס
און איך זעץ מיך דערמיט אין דער נידער —
אפשר, נאָכן געוויין,
וועט די טרייסט אין מיר אויפפלעמלען ווידער.

ה.

די קוואַלן זענען אָנגעפילט מיט וואַסער,
ווי מיט גוטע ווייַנען.
די הייכן זענען צעהאָנגען,
אַז זיי זאָלן שטענדיק לייכטן און שייַנען.
ברוך ד׳ יום־יום.

אַן אייביקדיקע בייטעניש שפּילט אין די הימלען
ווען דער טאָג הייבט אָן די טויערן אויפמאַכן;
און ווען מע מיינט, אַז ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף —
אין די פאַרנאַכטן.
ברוך ד׳ יום־יום.

אַן אומרו האַמערט אין די כמאַרעפּויקן,
אין די בליצן הערט מען אים פלאַקערן און קראַכן.
ער ברענגט פולע וואָלקן־לאָגלען רעגן —
נעמט וואַקסן ברויט פון די פעלדערטראַכטן.
ברוך ד׳ יום־יום.

די קנאָספּן וויגן זיך,
פולע מיט באַגערן;
זיי וועלן זיך עפענען
ווען סע וועלן אויסציטערן די שטערן.
ברוך ד׳ יום־יום.

די בלומען האַלדזן זיך
און שענקען זיך די בלומענשטויבן.
אַ געזאַנג גייט דורך דורך די גלידער —
וועמען זאָל איך דערפאַר דאַנקען און לויבן ?
ברוך ד׳ יום־יום.

געררייד וועגן גאָט

אדמך, אכנך ולא ידעתיך
(פונעם שיר־הכבוד)
איך בין בלינד, נאָר איך זע דיך
(פון אַ פאָלקסטימלעך ליד)

א.

מע מיינט, אַז מע ווייסט
וואָס מע ווייסט וועגן דיר —
און מע פּלאַפּלט עס אויס מיט רייד,
אָדער אויף פּאַפּיר.

אָבער דאָרט וואו די ווערטער טוען מער גאָרנישט אויף
און בלייבן פאַרמאַטערט שטיין —
דאָרט הייבט זיך אָן דאָס אומבאַנעמלעכע,
דו אַליין.

וואָס מער מע ווייסט וועגן דיר,
אַלץ מער ווייסט מען נישט.
דאָס איז די מאָס —
און אָט־די מאָס איז אויכעט אויסגעמישט.

מע זעט נישט וואָס ס׳איז דאָ אינעווייניק,
אין ערדענעם טאָפּ,
וויל מען עס דערטראַכטן
מיטן פאַרריסענעם קאָפּ.

אַז פונעם ווינט אונטערן ראָד פון דיין מרכבה
קומט די זאַווערוכע אויף די שפּיצן בערג —
איז דאָך עס קוים אַ פּינטעלע גאָרנישט
פון דיינע מוראדיקע ווערק.

אַ מאָל קען דיך פּילן לעבן זיך
דער וואָס צעבייסט זיך די ליפּן אין געוויין.
נאָר צי מעג ער דען האָפן,
אז ער וועט דיך גיכער פאַרשטיין?

אַ מאָל דאַכט זיך,
אַז אין חלום הערט מען דיך קלאָר . . .
וואָס זשע איז א בלענדעניש,
וואָס — דמיון, און וואָס — וואָר ?

טויזנט שפּיגלשריפטן איינע אויף דער צווייטער —
דאָס איז דיין באַשאַף.
ווי קען מען איבערלייענען מער ווי אַ ברעקל אות
פון אַזאַ וואונדערלעכן כתב ?...

ב.

דו פארשיימפּערלעכסט דיין גרויסקייט
אויך אין שטויבן.
טיפע סודות דיינע ליגן
אינעם וואָרקען פון די פּאָרן טויבן.
איך ווער אויפגעציטערט
ווען נאָר איך דערזע דיין שיין אין מיינע שויבן.

מיט אַ בלינדקייט, ווי מיט בעלמעס,
זענען מיר פאַרמאַכט די אויגן.
און דאָס אויער
איז מיט טויבקייט צו דער ערד אַראָפּגעצויגן.
מיר איז גוט זיך לאָזן בלענדן פון דיין אָפּשיין —
פון די צייכנס פון אַ וויטן קלאַנגען־בויגן . . .

ווי אַ בעטלער שטיי איך
אונטער דער מזוזה פון מיין טויער.
מיט די שעהען
ווערט דער טאָג אַלץ גרויער.
כ׳בין געקאָוועט צו דער ערד מיט מיינע פוסטריט.
נאָר סע ציט מיך צו די בלויען.

ג.

דו דאַרפסט זיך נישט אַנטפּלעקן,
דו ביסט אַנטפּלעקט סיי ווי.
איך הער דיין קול אין רעגן
און אינעם ווינטלפלי.

איך זע דיין פרייד אין גאָרטן
מיט עפּל און מיט פלוים.
איך זע דיך אינעם טרויער,
וואָס אינעם אָונטזוים.

איך זע דיך אין די בליצן —
אין שטורעמס ווייסע ציין.
איך הער דיך אויך זיך צאַפּלען
אין מייזעלעס געוויין.

איך זע דיך און איך הער דיך
אין גראָז און אין דער גריל.
איך זע דיך אין די שטערן,
איך הער דיך אין דער שטיל.

ד.

דו גייסט מיר נאָך מיט שטילע, מיט געהיטע טריט.
מסתמא איז עס דו — ווי ניט ?
סע קען נישט זיין, אז עמעץ גייט מיר נאָך און לויערט.
פאַר וואָס זשע בין איך פול מיט טרויער ?...

איך הער דאָס שורשען פון דיין וואָלקנקלייד,
ווען דו קומסט רוען אין מיין נאָענטקייט.
איך וואָלט דיך וועלן פרעגן :
ביסט מיד פון ווייטע וועגן ? . . .

ה.

אין די קוועלכלעך קען מען הערן גאָטס קוועלן, זיין פרייד,
און אין די גראָזן קען מען זען זיין גוטסקייט, די שטילע.

ווי וואויל, וואָס אין דער דאַכטעניש געפינט מען טרייסט —
קען מען זען אינעם הימל גאָטס היטנדיקע אויגן,

און אין די ווינטן — גאָטס שליחים צו דער ערד,
און אין רעגן־בויגן — די זוימען פון זיינע בגדי־כבוד.

איך פריי מיך מיט דער יצירה, וואָס גאָט האָט געשפרייט,
ווי איך אַליין זאָל זי האָבן באַשאַפן.

(און אַז איך זע אַרום זיך אַזוי פיל פּלאָג —
פאַרשטעל איך מיר פאַרשעמט די אויגן . . .)

ווי, אויף וויפל דרכים ער אַנטפּלעקט זיין קול —
פון אַ פייגעלעס טרעל ביז אַ וואָלקנבראָך־געפּילדער.

ווי, דורך וויפל צייכנס ער גיט זיך צו דערקענען —
פון די סעדער־ריחות וועסנעצייט, ביז אַ בוים, וואָס דער בליץ צעשפּאַלט אים.

גאָטס וואונדער ליגן אַנטפּלעקט —
און בלויז דער, וואָס זוכט אים, דערפילט זיי אפשר.

און אַז מע וויל אים באַרירן מיט אַ הויכן געדאַנק —
ווייכט ער צוריק, ווי פּרימאָרגן דער נעפּל.

דעם מענטשנס ליפּ האָט אַלע ווערטער פאַרשוועכט —
לאָמיר אים לויבן נאָר מיט די הערצער.

ו.

נעם נישט צו ביי מיר די בענקשאַפט,
וואָס איך טראָג אַרום די שלייפן ווי א צירונג.
לאָמיך שטענדיק דאָרשטיקן נאָך דיינע ווערטער,
וואָס זיי קלאַפּן קלאַנגלאָז אָן אין מיינע טירן.
לאָמיך זוכן דעם באַשייד פון ליכט און פינצטער —
אָט די פאַרבנרייף, די וויג פון דיין יצירה.

לאָמיך קענען גרייטן שטילע לידער־סעודות
און פאַרבעטן פּשוטע און גוטע מענטשן:
קומט אריין און זעצט זיך —
גאָטס גענאָד גענענט שוין.
לאָמיך זיך נישט דאַרפן שעמען ווייזן
מיין פאַרשאָלטענע געבענטשטקייט.

לאָמיך אויפגיין אין דער בענקשאַפט
ווי אַ ליכט — אין דיינע שטראַלן.
דעמאָלט, ווען דער בוימל פון מיין ליד וועט אויסגיין,
זאָל איך אויכעט לעשן זיך און פאַלן.
כ׳וויל נישט בלייבן אין דער פינצטער,
אין דער איינזאמקייט, ווי אין פאַרהאַקטע שטאַלן.

ליד — ייד

די שטילקייט איז געווען די נעסט
פון מיין ליד.
דאָרטן פלעגט עס דרימלען ווי א פייגעלע,
מיטן קעפל אונטער אַ פליגעלע, מיד.

סע פלעגט שטיל אַראָפּ אין גראָז,
נאָך עטלעכע זערנעס און טראָפּנס טוי,
און תיכף דאַנקען גאָט —
אויך אַזוי.

די שטילקייט האָט מיך גוט געלערנט:
אויסשווייגן אַ ליד.
שפּעטער, אָך, בין איך געוואויר געוואָרן,
אַז ליד גראַמט זיך מיט ייד.

כ׳האָב פאַרלאָזט מיין היים,
מיט אַ טרער אין אויג —
איז מיך די וועלט באַפאַלן
ווי אַ קרעציקע צויג.

נייך, ביי דער טיר איז געשטאַנען
דער קאָט מיט דער האַק.
ער האָט נאָר־וואָס געהאט געהערט:
מע דאַרף געבן די צווייטע באַק . . .

די שטילקייט האָט מיך געלערנט,
אז לא ברעש. —
איצט רעוועט די שטומקייט ארויס פון מיין האַרץ,
פון אַ בערגעלע אַש.

אַ הירש מיט צעוואונדיקטע טלאָען

וואו וועל איך באַהאַלטן דאָס לעמעלע ליבשאַפט,
ווען באָמבעס וועלן נעמען פאַלן ?
די שטאָט טורעמט זיך העכער און העכער,
און קומט זיך צונויף איבער מיין קאָפּ,
און פאַרשטעלט מיר די שטראַלן.

איטלעכער איינזאַמט פאַר זיך אַליין.
מע איינזאַמט אויך אין צווייען.
אַ ציטערדיקן, דינעם קלאנג,
אַ וואַרעמען אָטעם —
פאַרטראָגן זאַווייען.

דאָס עצבות־קנייטל אין מיינע באַשערטע פיר ווענט
האַלט אין איין טליען.
ווען נישט דער געדענקטער חלום,
ווען נישט דאָס וואָרט, וואָס דאַרף וועלטן באַהעפטן,
וואָלטן זיך מיר געבראָכן די קניען.

איבערן קאָם פון די דעכער יאָגט די צייט
און פאַרטראָגט ווי זאַמדן מיינע שעהען.

אין אַ ברענענדיקן וואַלד לויפט אום אַ הירש
מיט צעוואונדיקטע טלאָען . . .

מיט די שטערן

ווי אַ גוטער בוימל איז דער אָוונט צו מיינע וואונדן.
דער טאָג האָט מיך אויסגעמאַטערט —
דער אָוונט האָט מיר מיט אַ קוש די מידקייט אָפּגעבונדן.

כ׳האָב געזיפּט דורך די פינגערשפּאַלטן
ווערטערזאַמד אַ גאַנצן טאָג —
געמיינט, אין זאַמד ליגט עפּעס גוטס באַהאַלטן.

כ׳האָב געזיפּט — און אַ „בעטלערל״ געניגונט,
ביז אַן אויסגעשעפּטער
בין איך אויפן זאַמד געבליבן ליגן.

כ׳האָב איבערגעשטאַמלט דאָס אייגענע אַ מאָל זיבן —
און כ׳בין אַרויס פון די כוחות,
ביז כ׳האָב עס לייטיש אויפגעשריבן.

אַזוי ווי אַ וואָרעם אַן עפּל —
אַזוי עסט מיר דאָס ליד דאָס האַרץ —
נאָר איך צערטל עס ווי אַ קינדעריש קעפּל.

אוי, וויפל פאַרנאַכטן כ׳האָב שוין אויף מיינע אויגן אָנגעציליעט —
איך פאַרמאָג נישט די שטיל פון קיין איינעם,
פון קיין איינעם אַפילו.

נאָר די בענקשאַפטן זייערע האָבן זיך אין מיר געקליבן —
איטלעכע איינע
איז ביי מיר אין בלוט פאַרשריבן.

זיי וועלן אין מיר אייביק געווערן,
זיי זענען וואָרער פון וואָר,
ווייל זיי ווינקען זיך איבער מ׳ט די שטערן.

דולע טויבן

פון וואָס באַשאַף איך מיינע לידער ?
פון גאָרנישט מיט נישטן . . .
סע פליען אום צעדולטע טויבן
אין מוח, אין צעמישטן.

זיי קוויטשען דאָרטן ווי געריירטע :
דער מקום איז זיי ענגלעך —
אויב כ׳עפן זיי נישט אויף קיין פּאָרטקע,
זאָל איך מיך בעסער הענגען.

איז אַז די קולות ווערן שאַרפּער,
איך קען זיי מער נישט הערן —
צעעפן איך אַ טויערטירל,
אַז ס׳זאָל מיר גרינגער ווערן.

פּאַרפליט, איך וויל אייך מער נישט קענען,
איך קען דאָך אייך נישט זעטן.
— — — — — — — — — — —
קומט אָוונט, ברענגט מיר איטלעך איינע
אַ דין מאַסלינע־בלעטל...

אזוי פאַרגייען מיינע יאָרן
און מיינע בעסטע שעהען :
מיט דולע טויבן פייפט אין מוח —
מיט ליכטיקן שיגעון . . .

נו, יבוא יום

איך האָב זיך געיאָגט אַ לעבן לאַנג
נאָך אַ חלום וואָס פליט און שווינדט נאָר.
דער לופטבאַלאָן האָט מערער האַפּט,
וואָס סע שפּילן זיך מיט אים קינדער.

נו, יבוא יום, ס'עט קומען דער טאָג,
ווען כ'על זאָגן : האָט מיר און זייט מיר,
כ'על נעמען דאָס בינטל ביינער מיינס
און אַוועק אין די ווייטסטע ווייטן.

מע זאָגט, אַז מע קומט שוין פון דאָרט נישט צוריק,
ס'איז אמת און ס'איז ליגן.
נו, לייגט מיר אַ קישעלע אונטערן קאָפּ,
ס'זאָל מיר גרינגער זיין צו ליגן.

און לייגט מיך מיטן פּנים אַהין,
וואו סע ליגט מיין קדוש־שטעטל.
און בלויז צוויי־דריי יידישע ווערטער שרייבט
אויף מיין מצבה־ברעטל.

און אַזוי גיט מיך אָפּ צוריק דער ערד,
כאָטש זי האָט מיך נישט געטראָגן.
נאָר אַזוי פיל געטרייע פאַרמאָגט זי שוין —
און איך וויל זיי צוריק פאַרמאָגן.

אַט־דאָס איז דער צד צווישן מיר און דער ערד:
די בלוטשנור פון די דורות.
ווער ווייסט, קען זיין כ׳על געפינען צוריק
די געטרייַע וואָס כ׳האָב פאַרלוירן.

און לייגט מיר אַריין אין דער האַנט אַריין
אַ בליי מיט אַ פעקל פאַפירן.
קען זיין, אַז מיין נישט־פאַרענדיקט ליד
וועל איך דאָרט צון אַ טאָלק דערפירן.

און איך וויל דאָס געשטאַלט פון מיין שטענדיק קינד —
אַז דאָס האַרץ זאָל מיר שטענדיק וויי טון.
אַזוי וועל איך ליגן און גרייטן זיך
צון אַ בעסערן גילגול, אַ צווייטן.

איך וועל זען

איך שרייב דאָס אייגענע ליד וואָס אַמאָל —
ווי קען איך דען אַנדערש שרייבן?
געיאָמערן פון אַ טרויערטאָל
האָב איך געוואָלט אין מיינע לידער קלייבן.

איך שרייב נאָך אַלץ דאָס אַייגענע ליד,
נאָר עפּעס מיט אַנדערע ווערטער,
און דאָס געמיט
איז מיט איטלעכן טאָג באַשווערטער.

איך היט אָפּ אויף דער באַנומענער צונג
דאָס לשון פון טאַטע־מאַמע.
איך ווער אין דער מידקייט ווידער יונג,
און פאַרטרערטע שמייכלען די גראַמען.

קען זיין, איך וועל שטאַרבן אין אַ חמסין,
קען זיין — אין אַן אינדיאַנער זומער;
נאָר איך ווייס, אַז אייניקלעך מיט טעכטער און זין
וועלן אפשר אַ מאָל צו מיין קבר קומען.

מע וועט לייענען וואָס אויף דער מצבה וועט שטיין:
„געשריבן יידישע לידער —
און נישט געהאַלטן זיך גרויס, נישט קליין" —
כ'וועל דאָס הערן, וועל איך זיין צופרידן.

און איינער וועט געדענקען א שורה, צוויי,
פון אַ גאַנץ ליד — כאָטש אַ שפּליטער.
כ'על זיי נאָכשיקן אַ ברכה: אַ לעבן אויף זיי —
כ'האָב, הייסט עס, אומזיסט געציטערט.

איך וועל זען, איך וועל זען פון יענער זייט טויט,
אַז כ'האָב נישט אומזיסט זיך געמאַטערט.
און פּלוצעם, ווי פון דער העלער הויט,
וועט מען זען ווי אַ פלאַטערל פלאַטערט . . .

אַזוי פיל

אַזוי פיל זענען קראַנק אויף רישעות
און עסן שלעכטסן, אזוי ווי ברויט,
און קרימען ס'פּנים מיט ציין־קריצעניש
און שמירן זיך עס מיט אומריינעם גרימצאָרן.

דער מנוול שעמט זיך נישט מיט זיין נבלה,
נאָר ער בארימט זיך.
דער ליגנער — מיט זיין ליגן,
דער רוצח — מיט זיין רציחה.

איך רעד צו זיי ווי מע רעדט צו קינדער,
ווייל איך אַליין בין אַ קינד, אַ תם —
טייטלט מען אויף מיר מיט די פינגער,
און קיינער הערט נישט מיין געריירט געוויין.

די רישעות טוט זיך אָן אין כלערליי בגדים,
די גוטסקייט גייט אום נאַקעט ווי אַ קינד,
און שעמט זיך מיט אירע ערלעכע טרערן.

און אַזוי פיל גייען אום מיט פאַרבראָכענע הענט
און מיט בליפּעדיקע טריט,
מיט תפילה אין די אויגן,
און מיט געשריי אין די פאַרביסענע ליפּן,
און אויפן פּנים ציטערט צער.

אוי, דער חושך בליצט מיט פּחדים —
העלף מיר, איך זאָל נישט טרעטן אויף יענעמס,
און כ׳זאָל נישט פאַרגיסן קיין בלוט, וואָס מע זעט נישט.

וואָס טוסטו מיט דער שיינער וועלט ?

וואָס טוסטו מיט דער שיינער וועלט,
דו מענטש, דו ווייסער מענטש דער עיקר ?
מע דאַרף דאָך רייסן פון דיר לעבעדיקע שטיקער.

אפריער גיסטו אויס א באַרג מיט גאָלד
אויף פעלקער צו צעמאָרשן —
דערנאָכדעם הייבסטו אָן אין חורבות זייערע צו פאָרשן . . .

אַפריער רייסטו אויף אַ לאַנד —
דערנאָכדעם נעמסטו קלייבן זיינע שטיקלעך שטיינער —
אַ בראַנד דיר אין די ביינער.

אַך, וואָס וועט ווערן פון דער לעבעדיקער שטיל,
וואָס אין אַ וואַלד אין אָנהייב זומער ?
אַפילו שדים וועלן דאָך אַהין נישט וועלן קומען.

און זאָג, וואָס האָסטו צו דער שוואַלב,
וואָס דיינע גאַזן האָבן איר די אויגן אויסגעשטאָכן ?
אַ קלאָג צו דיר און אַלע בראָכן.

אַ גרעזעלע, כמעט אַ שטראַל, אַסטראַל,
אַ בלעטל א געציינדלטס —
ווי ברענגט מען אום אַזעלכע שיינסן ? !

וואו נאָר דו קומסט מיט דיין בובאָנישן געדאַנק —
דאָרט הייבן אָן די טייכעלעך צו פרירן,
וואָס גאָט אַליין האַלט זיי אין איין פאַלירן.

און אויס מיט זייער דינסטן שפּיצנוואַרג פון שוים,
און אויס מיט זייערע מיליאָסן קאַנדל־פּערל —
געשוואָלן זאָלסטו ווערן.

און אויס מיט זייער לופטיקן געקלאַנג
פון אַ סעקונדע קושן־לעבן־שטאַרבן
און לאָזן אַנדערע זיי אַרבן.

און אויס אין מיטן וואַלד
די בליצגעלייגטע ביימערשפּאַלן,
וואָס ליגן דאָרט — אויף אייצוראַמען קוואַלן.

האָט גאָט באַשאַפן דען די לאָם,
דעם טייך, דעם בוים און די זעפירן —
אַז דו זאָלסט אַלץ מיט סם פאַרשמירן ?

וואָס טוסטו מיט דער שיינער וועלט ? . . .

אין די בערג

אזוינס האָב איך געזען צום ערשטן מאָל:
איך בין מיר געשטאַנען טיף אין טאָל,
און האָב באַטראַכט אַ באַרג — עס, ווי אַלע בערג.
און פּלוצעם — אַ גרויל! — האָב איך באַמערקט:
אַ מעסער — שאַרף און גלאַט, ווי געשמירט מיט זייף,
האָט דערלאַנגט דעם באַרג אין דער סאַמע שלייף.
און דער באַרג — ער גיט זיך נישט קיין ריר, עלעהיי
סע אַרט אים נישט און סע טוט אים נישט וויי.
אַן אַנדערער — לאָז אַרויס אַ געוואַלד!
ניין — ער שטייט זיך און שמייכלט צעשטראַלט . . .

כ'האָב קיין אַנדערן פּשט נישט געקענט געפינען,
נאָר דער באַרג איז פון וויטיק אַראָפּ פונעם זינען! . . .

אַ פלאַטערל

פלאַטערל, וואָס שרייבסטו מיט דיין פליטאַנץ
אויף דער צעגריינטער ערד?
פליסט ווי דיר אַליין גלוסט זיך,
אָדער מוזסטו פליען נאָר ווי דיר איז באַשערט?

גרילן

די גרילן שאַרפן זעגעלעך פון גלאָז אין גראָז.
מע האַלט שוין שעהען לאַנג, אין שאַרפן, שאַרפן.
אַזוי פיל און אַזעלכע שארפע זעגעלעך —
ווער קען דאָס אַלץ באַדאַרפן?

* *
*

כ׳האָב צוגעלייגט מיין אויער צום לייב פון דער ערד —
און כ׳האָב געהערט,
ווי מיר הויכן די נשמות אויס :
אַ קאַלטקייט בלאָזט פון אַלע ווינקלען הויז,
די לוויות — אָן צדקה־פּושקעס.
ביי דער קבורה — קיין קדיש, קיין געשוישקע.

די ווערבעביימער שטייען שטילע, אַרומגעשוירענע.
די באַלייטערס — עפּעס קוים פאַרלוירענע.

ווער זענען די לעבעדיקע, ווער — די געשטאָרבענע ?
מע שטייט און מע פלאַפּלט וועגן קיכן פריש געפאָרבענע.

איך בין צוגעפאַלן צו מיין האָפענונג —
זי שפּייזט מיך אַ מאָל מיט א פונק און מיט א וואונק.
זי קילט מיר אַמאָל א ביסל די בראַנדיקע רייפן
אַרום די שלייפן,
און אויפן האַרץ דעם אַנגעגליטן שטיין,
און דאָס העלישע פייער, וואָס פייפט אין מיין געביין.

משיח וועט קומען צו רייטן באַלד

משיח וועט קומען צו רייטן באַלד —
~~איך וויל, ווי לאַנג ס׳איז מיר נאָך באַשערט~~
וועט ער אַלעמען פרעגן וואָס מע וויל —
און אַלע וועלן אים ענטפערן שטיל.

און איך וועל אים זאָגן שטיל און גיך
— כ״האָב ווינציק אָנגעבידעוועט זיך? —:
איך וויל,ווי לאַנג ס׳איז מיר נאָך באַשערט,
זיך ארומצודרייען דאָ אויף דער ערד,
אָט־דאָס וואָס כ׳האָב נישט געהאַט ביז אַצינד —
גיי יאָג זיך און כאַפּ ביים ציימל דעם ווינט . . .

כ׳וויל אַ באַרג פּאַפּיר און טינט אַ פאַס
אין אַ שטילע שטוב אין אַ שטילער גאַס ;
און שאַפעס מיט ביכער מיט ספרים געמישט —
אויף מיר איז שוין גאָר קיין רחמנות נישט ?
און צייט און צייט און צייט דערצו —
זיך פאַרטיפן אין זיי און געפינען רו.

פאר וואָס יענעם גאָר און מיר אַ פייג —
דערפאַר ווייל איך בין אַ באָנטשע שוויג ?

קווייטן פראָסט

איך האָב געוואָלט באַטראַכטן גוט
די קווייטן פראָסט אויף מיינע שויבן.
אַזאַ מין וואונדערלעכע מי —
ווי קען מען זי דען איבערלויבן?

צי האָט דען ווער געזען שוין וואו
אַזעלכע ליכטיקע געמעלן,
אַזעלכע ליניעס איידעלע —
וואו ס׳זאָל קיין פּינטעלע נישט פעלן?

בפרט אַז נישט קיין מענטשנס האַנט
האָט אויסגעצירקלט אָט־די רויזן —
זיי קומען ווי פון זיך אַליין,
פון ערגעץ, פונעם גרויסן דרויסן.

ווי קען עס זיין אַ פּראַכט אַזאַ —
און אָן אַ מייסטער, אָן אַ בריה ?
צי קען מען עס גאָר משיג זיין
אַזאַ געציטערטע מיסטעריע ?

כ׳בין צוגעגאַנגען נענטער,
אַ קוק צו טון אויף גאָטס אַ וואונדער.
איך האָב דער שויב אַ קוש געטאָן —
איז אַלץ פאַרשוואונדן . . .

די באַלאַדע פונעם סאַדעגורער קלייזל

א. איידער

איידער

מ׳האָט ביי אונדז געבויט דאָס סאַדעגורער קלייזל,
ווען די ערשטע סאַדעגורער חסידים
האָבן זיך גענומען ווייזן —

פלעגט מען דאַווענען ביים זיידן חיים
אינעם פאָרנטיקן שטיבל;
אין אַ ווינקל, הינטער אַ מחיצה,
צווישן נשים, זיצט די באָבע חנה־ליבע.

מיטן מנין —
אויך דעם זיידנס גאַנצער חדר יינגלעך.
נאָכן דאַווענען, ביים „טראָפּן" מיט פאַרבייסן,
נעמען זיי זיך שאַרן פון די ווינקלען . . .

גיט מען איטלעכן אַ לעק „לחיים"
און מזונות אַ כזית —
און די קינדער בלייבן שוין אין חדר —
ווינציקער צו דאַרפן שמייען.

ובפרט, למשל, מאָרגן איז „דער יאָרצייט",
ובפרט נאָך די הילולא היינט נאָך מעריב, —
איז דאָך דאָ צו העלפן גרייטן.
„דאָס איז ביטול־תורה? זאָל עס דיך נישט אַרן . . ."

„זיי זשע מוחל, דו צעהאַק די הערינג" —
זאָגט די רביצין, די גוטע חנה־ליבע.
און אַ צווייטן בעט זי:
„וועסט מיר שיילן ציבל ?"

און דער זיידע חיים מינטערט:
„חנה־ליבע, גיס אַ ביסל מערער עסיק."
און די באָבע חנה־ליבע איז באַליידיקט:
„מיינסט, אַז פון פאַריאָרן האָב איך שוין פאַרגעסן?"

און די גוטע, האַרבע ריחות
בייסן שוין מחיהדיק די אויגן.
איטלעכס יינגל, ווען מע הייסט איבּ,
וואָלט אַציַנד געפלויגן פייל פון בויגן . . .

— — — — — — — — — — — — —

אָט אין יענע ווייטע קיר"ה־יאָרן,
קומט אַן אָרעמאַן מיט זיינע „שאַפּטע גליקן" —
איז, געוויינטלעך, קומט ער גלייך צו זיידע־באָבע
נעכטיקן און האַרבעריקן.

און מע האַלט דעם פרעמדן חוזר־על־הפתחים
ווי אין ספרים שטייט געשריבן:
אים קומט פריער דאָס געלעגער און דער ביסן —
ווייסט די באָבע חנה־ליבע.

איז דעם פרעמדן
גיט דאָס קישן זיינס דער זיידע,
און דאָס ערשטע ביסל יושקע גיט די באָבע —
און מע לעבט מיט מצווה־פריידן.

— — — — — — — — — — — — —

אָבער אַז דאָס קלייזל איז געוואָרן פּאַרטיק,
פלעגט דער אורחי־פורחי האַלטן דאָרט זיין קלומיק,
פלעגט ער שוין אהינצו קומען איבערשלאָפן,
איבערדומען.

און דער זיידע, אז ער זעט נאָך מנחה־מעריב,
אז ס׳איז דאָ אַ פרעמדער מיט אַ פּעקל —
שאַרט ער זיך ארויס אַהיים און ברענגט אַ קישן,
מיט אַ קאָלדרעלע — זיך צוצודעקן.

און די באָבע שמייכלט:
„וואויל דיר, חיים . . .
איך, מישטיינסגעזאָגט, אן אישה —
וועלכע מצוות בין איך עס מקיים ?״

זאָגט דער זיידע :
„אוי, וואָס רעדסטו, חנה־ליבע לעבן ?
לאָזסט מיך טון די מצווה, אָט־די — איז זי דיינע,
שוין האָב איך זי דיר אָוועקגעגעבן.״

זאָגט די באָבע: „ניין, חלילה, אָט־די מצווה —
לאָמיר זי צעטיילן אויף די העלפטן . . .״
זאָגט דער זיידע :„מסכים.
דער פון אויבן זאָל אונדז ווייטער העלפן.״

ב. ניינצן פערצן

ניינצן פערצן —
ס׳איז נישטאָ קיין איין משפחה,
מע זאָל דאָרט נאָך עמעצן נישט זאָגן קדיש :
נאָכן טאַטן, נאָך א זון — אַ חתן־בחור.

אינעם סאַדעגורער קלייזל
שטייט אַ וואַלד קדישים־זאָגערס.
איציק חלפן רייסט זיך אויכעט זאָגן קדיש —
לאָזט מען נישט, מע יאָגט אים.

מ׳האָט שוין אויסגעפרעגט אין אַלע קאַנצעלייען,
שוין געזוכט אויף אַלע שלאַכטנפעלדער.
„מאיער כאַלפן איזט פערשאָללען —״
פונעם „רויטן קרייץ״ געווען אַ מעלדונג.

אָט אַזוי חדשים און חדשים.
ס׳איז נישטאָ פון אים קיין צייכן.
ווי אַריין אין וואַסער —
אָן אַ מינדסטן זכר.

איין מאָל אָבער :
„זעט, ער זאָגט דאָך קדיש, זעט א בכיה״.
גייט מען צו : „ר׳ איציק, היתכן ?
אפשר אַ ידיעה ? . . .״

„ניין, די נאַכט איז ער געווען ביי מיר צו חלום —
און געבעטן, נאָך אים קדיש זאָגן .״
און ר׳ איציקס כל־עצמותיו
נעמען יאָמערן און קלאָגן.

נאָר מע לאָזט אים פאָרט נישט זאָגן קדיש.
עדות דאַרף מען האָבן.
„בעט אים, אז ער זאָל אייך זאָגן,
וואו ער ליגט באַגראָבן .״

און אַזוי חדשים און חדשים.
און ר׳ איציקס צער איז אין לשער.
מער נאָך אין דער מאַמען, וואָס האָט אים געטראָגן,
ברענט אַ העליש פייער.

אָפּטלעך קומט דער זון ר׳ איציקן צו חלום,
און ער שרייט מיט קולות, וואָס זיי קענען טייבן.
אָבער קדיש לאָזט מען נישט דעם טאַטן זאָגן :
„ווייס איך וואָס — אַ חלום מעג מען גלייבן ?״

ג. ניינצן איין און פערציק

אָבער
ניינצן איין און פערציק
איז אַראָפּ אַזאַ מין גזר אויף יידן —
אַז ס׳איז גאָר נישטאָ קיין ווערטער.

אין אַן אינדערפרי אַ שיינעם,
שיין און פינצטער —
האָט זיך צוגעמאַכט די לעצטע האָפונג,
גאָר די מינדסטע.

מ׳איז אַוועק אין סאַדעגורער קלייזל,
שרייען חי־וקיים — אפשר — טאָמער — — — —
און אין דרויסן האָבן זיך געקליבן גויים
פון אַרום — מיט העק, מיט לאָמען.

מ׳איז געהאַט געקומען פון דער צערקווע נאָר־וואָס.
שויך, מע מעג שוין וואָס מע טאָר נישט.
מ׳האָט פאַרהאַקט פון דרויסן טיר און פענצטער,
און מיט נאַפט באַגאָסן — גלייך ווי גאָרנישט...

איז אַרויף אַן עמוד־אש מיט קולות —
גלייך אין הימל,
וואו דעם שומר פון ישראל נעמט קיין שלאָף נישט
און קיין דרימל . . .

ד. איצטער

איצטער שטייט דאָס סאַדעגורער קלייזל
אין גן־עדן — — —
אין אַ ווינקל האַקט די באָבע הערינג
און זי טענהט עפּעס מיטן זיידן.

און דער זיידע הייסט דעם עסיק אינעם הערינג
גוט צעמישן —
און ער זאָגט: אַ גוטע נאַכט — און נעמט אַ קאָלדרע
און אַ קישן — — —

און ר׳ איציק חלפן שטייט אַ שמייכלענדיקער —
קדיש זאָגט ער פון אַן אָפּגעזוענגטן סידור, —
און די מאַמע דריקט צו זיך איר זון, דעם זעלנער:
„מאירל, אַבי איך האָב דיך ווידער . . .״

ה. איינער דאָרט

איינער דאָרט, דער שטאָט־צעדרייטער,
איז אַנטרונען.
וואו מע ריכט זיך גאָרנישט —
איז ער דאָ, ער האָט זיך אָפּגעפונען.

„איר האָט מיך געשראָקן:
ביי דער צונג וועט מען דיך הענגען; —
זאָל מען,
זאָל מען מיך אַצינד צום משפט ברענגען.

מיט די קולות, וואָס ביי מיר אין אויער,
וואָס זיי קלויטשען מיר דעם זינען —
וועל איך רעווען ווי אַ שטומער
פאַר דער וואָרקענדיקער שכינה . . .״

פון זינט

אַ ליילעך דרימל דעקט מיך איין,
ווי מיט ליכטיק־בלויע תכריכים,
און עמעץ עפנט מיט חסד אַ שפּאַלט —
מיט אַ בליק אַרויסצוקריכן.

אַ בליק אָדער צוויי איז אַוודאי גוט —
איך וואָלט בעסער אין גאַנצן פאַרפלויגן
אהין, וואָס ביים ערשטן שטערנפאָר
נעמען ציען מידע די אויגן.

פון זינט איך בין אוועק פון דער היים,
און זיך נישט געזעגנט מיט קיינעם —
גיי איך אום מיט אַ ווייטיקשפּאָן אין לייב,
און דאָס האַרץ איז אַ טאָרבע מיט שטיינער.

כ׳האָב שוין אַלע רפואות אויסגעפּרואווט,
שוין געווען ביי אַ וועלט מיט דאָקטוירים,
נאָר כ׳וועל מיטנעמען אַלץ אין קבר אריין —
אי דעם שפּאָן, אי דעם שטיין, האָב איך מורא.

און אויף יענער וועלט — ווייס איך וואָס ס׳וועט זיין:
כ׳על אַוועק צו טאַטע־מאַמע,
און אַ זינדיקער פאַלן צו זייערע פיס,
און שוין מער נישט אויפשטיין מסתמא.

* *
*

כ׳בין געקומען —
גיב מיר אַ פּאָר פּאַסמעס פון דיין טיכל
פאַר די וואונדן מיינע —
איידער מיך פאַרצוקט דער ווייטיק־וויכער.

כ׳בין געקומען —
ווי פאַרדעק איך מיינע וואונדנגריבער ?
זייער פינצטער שרעקט מיך —
כ׳טראָג עס באַלד נישט איבער.

ווי דו האָסט מיר שטיל געבאָטן

זאָג מיר, וואו דער סוד איז,
מאַמע, —
איטלעכס איינציקע פון דיינע ווערטלעך
האָט איצט פרישע זיבן טעמען.

מיטן חן־לבוש פון גוטער חכמה,
מיטן אָנצוהערעניש, צום גאַפן —
ליגן זיי מיר אויף דער ליפּ ווי קושן,
און זיי זאַפטן.

און זיי ליגן אין מיין לשון איינגעזאָטן,
און זיי באַלזעמען אין מיינע ביינער.
איך האָב זיי אין מיר געציליעט
ווי די איידלשטיינער.

כ׳האָב אין וואָגלעניש א סך שוין אָנגעוואוירן,
ווייל נישט איין מאָל האָט דאָס שנירל זיך צעשאָטן —
נאָר איך קלייב זיי אין דער מולטער פון מיין האַרצן,
ווי דו האָסט מיר שטיל געבאָטן.

שיינע אויסגעטראַכטסן זענען נישט קיין ליגן

„העט פאַר טאָג צעעפנט ברייט אַ מלאך
די גן־עדן־פענצטער —
צייל איך אייך פון ווייטן,
פונעם עלטסטן ביז דער קלענצטער.

און איך זאָג דעם טאַטן: איצטער —
וויל איך אויף די קינדער וואָס מער לענגער וואַרטן,
פונקט פאַרקערט ווי דעמאָלט,
ווען כ׳האָב זיי געוואָלט באַהאַלטן אינעם פאַרטעך.

אַז די צייט וועט קומען, ווען ס׳וועט שוין באַשערט זיין,
איר וועט איינציקווייז אריבערקומען —
וועלן מיר אייך גיין אַקעגן
מיט גן־עדן־בלומען.

דעמאָלט וועט איר זען און איר וועט גאַפן:
ס׳איז דאָך גאָר נישטאָ, קיין דאָ און דאָרטן . . .
צווישן ס׳איז און ס׳איז־געוועזן
איז אַ חילוק אין אַן איינציק וואָרט נאָר.

דעמאָלט וועט איר זיך נישט קענען גלייבן:
כ׳האָב געברענגט די וויגן, אייך צוריק צו וויגן . . .״

שיינע אויסגעטראכטסן
זענען נישט קיין ליגן.

ליפע מיט דער ליפּעכע

(א מעשה מיט א סטויג היי)

אברהמציען — און אַלע מיינע
בוקאָווינער לאַנדסלייט —
אַ באַשיידענע מתנה

— „הערסטע, ליפּעכע, דו שלאָפסט, צי מאַכסטו דיך געפּגרט ?
אפשר וואָלט געווען א סברא, זאָלסט אַראָפּ א זוך טון —
און דערלאַנגען עפּעס דער בהמה, — הער אַ מרוקען.
אָסור מיר, צי ווייס איך, ווי דו האָסט אַ האַרץ צו שלאָפן.״

נאָר די ליפּעכע — זי מאַכט זיך טויבלעך, וואו סע לוינט זיך . . .

אפשר אָבער שלאָפט זי טאַקע איצטער, טראַכט זיך ליפּע.
אַז זי שרייט אין שלאָף און מאַכט געוואַלדן ווי׳ן אַ פּיאַרנע,
נאָכט ביי נאַכט אזוי, אַז מיך אַליין באַשלאָגט א פּחד,
און איך דאַרף אַראָפּ — זי נעמען וועקן און זי טרעסען,
און זי מאַכט זיך תמעוואַטע : — לאָמיך אָפּ, איך שריי דען ? —
איז קיין חידוש נישט, וואָס איצטער שלאָפט זי ווי דערהרגעט.

הייבט ער אָן צו שרייען צו דער קו, אַז זי זאָל הערן :
— שאַ, בהמה וויכטע, הער שוין אויף אַ מאָל צו מרוקען. —
זי איז הונגעריק ? איך ווייס, נאָר וואָס באַדאַרף זי שרייען ?
כ׳זאָל נישט זינדיקן — און איך אַליין בין דען אַ זאַטער ?
נאָר פון דעסן שריי איך נישט ; איך ווייס שוין, אַז סע העלפט נישט . . .

ליפּע ליגט אין אַנגסטן, און סע נעמט אים נישט קיין דרימל:
וואָס וועט מען דער קו דערלאַנגען מאָרגן? ס'אַ געלעכטער?
וויפל קען מען אַ בהמה זאָגן: מאָרגן . . . מאָרגן. . . ?
ס'איז דאָך פּאָרט אַ גאָטס באַשעפעניש — סע רייסט ביים האַרצן.
גוט, זי גיט נישט מער קיין מילך — באַדאַרף זי שוין נישט עסן?
טאָמער גאָר פאַרקערט — ווען זי וואָלט ווינציקער געהונגערט,
וואָלטן ווידער זיך געעפנט אירע אייטערקוואַלן,
וואָלט געוועזן צו קויפן פּאַשע — וואָלט זי נישט געהונגערט —
וואָלט זי שוין געגעבן מילך — ווייל דאָס פאַרשטייט אַ חיה . . .
אָבער כ'האָב דאָך פאָרט נישט גאָרנישט, סיידנס מיינע צרות.

ליגט ער און ער טראַכט זיך: מילא, נו — ווי גאָט וועט פירן.
און אַ דרימל גיט אויף אים אַ פּאַכע, און אַ צווייטן —
און ער קוקט זיך אום — איז ער — ער גלייבט זיך נישט: אין חומש — — — —

יאָ, ער קען זיך שווערן: ער איז שוין אַ מאָל געוועזן דאָ — — —
ער און נאָך אַ כאָפּטע יינגלעך, נאָר ער זעט זיי איצט נישט . . .

שטיקלעך פּסוקים נעמען זיך אים באַמבלען אינעם מוח —
ווילן זיך באַהעפטן איינס צום צווייטן, נאָר סע גייט נישט . . .
אַט־אָ לייגן זיי זיך אויף דער צונג — ער פילט זיי ממש —
וויל אים איצט די צונג נישט דינען . . . אוי, ווען עמעץ העלפט אים! . . .
איינער און אליין — איז האָט ער מורא איינצושטעלן . . .
פּלוצעם נעמען זיך די פּסוקים קוליען ווי די קעצלעך,
נאָר זיי מעקען גאָר ווי קעלבלעך — טפו, צו מיינע שונאים!
און די חומש־מעשות, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן,
קומען, און ער זעט זיי איצטער איינע אין דער צווייטער,
און זיי מישן זיך פאַר אים — אז אים פאַרכאַפּט ביים אָטעם — — — —

גוח מיט די זיבן ברידער עסן טעג ביי ושתין —
ביז מע כאַפּט זיך: אוי, געוואַלד! נישטאָ איר כישוף־בעכער —
מוזן זיי אַנטלויפן איבער בערג און אונטער טייכן —
יאָגט זיי ושתי נאָך מיט אַן אַרמיי פון אירע רייטערס —
עפנט אויף די ערד דאָס מויל און שלינגט זיי איין ביז איינעם —
נאָר דאָס מויל, דאָס אָפענע — סע וויל זיך נישט פאַרמאַכן,
און סע רוקט זיך צו צו ליפען — אַט, אים איינצושלינגען — — —

ליפּע גיט זיך ווילד אַ וואָרף אין שלאָף און הייבט אָן פרייכן —
און דער חלום ציט זיך ווייטער — און סע ווערט אים גרינגער — — —

מער־נישט צוויי־דריי טריט פון אים — ער גלייבט זיך נישט די אויגן —
פּאַשעט אונדזער מוטער שרה לבנס שאָף ביים מדבר —
און די היץ איז אין־לשער, ממש אומצוקומען,
און די שאָף — זיי שטייען נעבעך מיט די פּיסקלעך אָפן,
און די קעפּעלעך צו גאָט פאַרהויבן, און זיי סאָפּען;
שרה ווייזט: נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער מער אין לאָגל,
נישט אפילו זיך די הענט צו וואַשן פאַר אַ ברכה.
הייבט זי אויף די הענט צו גאָט: — „איך בעט דיך, טאַטע־פּאָטער, —
איך בין זינדיק? שטראָף זשע מיך, און נישט די שטומע צינגער" —
און זי לאָזט ארויס אַ גרויס געוויין אויף לשון־קודש,
מיט אַזוינע מיני שווערע ווערטער פונעם חומש,
אַז די שאָף דערהערן דאָס און נעמען אונטערהעלפן:
— „ווי איז אונדז, און טאָמער איינע צווישן אונדז איז זינדיק —
וועסטו שטראָפן דען די גאַנצע סטאַדע שאָף און ציגן?"
און די מוטער שרה מינטערט: — „שטאַרקער, קינדער מיינע —
הערט נישט אויף צו שרייען, ביז איר וועט געהאָלפן ווערן" —

און די שאָף און ציגן הייבן אַלע אָן צו שרייען,
אָבער גאָרנישט מיט קיין קולות ווי פון שאָף און ציגן,
נאָר זיי נעמען מרוקען ווי געקוילעטע בוהאיעס —
פלוצעם ווייזט זיך עמעץ — — — יאָ, ס׳איז משה מיטן שטעקן,
און ער זאָגט דער מוטער שרה: „מוטער שרה, ווייַן נישט,
הער אויף תחינהוועז ווי פון אַ קרבן־מנחה שבת —
הייב זיך אויף און שפּאַן אַוועק צום כותל־המערבי, —
דאָרטן שטייט און וואַרט שוין יעקב מיט א פעסל וואַסער —
פרעג קיין קשיות נישט און גיי און הייס אים קומען״. —
און ער גיט א וואָרף אַוועק דעם שטעקן אין די זאַמדן —
ווערט פון אים אַ קעלבעלע אויף הינערישע פיסלעך —
און סע נעמט און לאָזט זיך לויפן נאָך דער מוטער שרה.
נאָר אַז משה כאַפּט עס אָן ביי איינעם פון די פיסלעך —
ווערט דערפון צוריק אַ שטעקן, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט.

משה בלייבט און היט די שאָף — און מאַכט צום אים, צו ליפּען:
— „הייב דיך אויכעט אויף און גיי וואוהין איך וועל דיר ווייזן —
ערגעץ דאָרט און דאָרטן שטייען סטויגן היי און וואַרטן...״ —
און ער ווייזט אים מיטן פינגער גלייך אַט־אַ־אַהין־צו...

ליפּע כאַפּט זיך אויף, פאַרשטייט ער באַלד דעם וואונק, דעם גוטן...
סע באַגיסט אים הייס א שווייס, ווי תמיד נאָך אַ חלום,
נאָר ער שמייכלט דווקא אין דער פינצטער און ער שעפּטשעט:
— „פאַסטעך, דו געטרייער, איך געדענק נאָך ווי אין מדבר
האָט דער אייבערשטער געזאָגט אויף דיר: אַהאַ, דאָס איז ער!
כ׳האָב מיך צוגעקוקט ווי ער היט אָפּ געטריי די לעמער —
זע איך, אַז מע מעג זיך שוין אויף אים פאַרלאָזן... סיי ווי,
האָסט געהערט דאָס קול פון מיין געשטראָפטער קו — פון דאָרט אַזש,
פונעם הר־הזיתים ערגעץ, וואו דו ליגסט באַגראָבן...
דאַנק איך דיר און לויב דיך — ״ליפּע וויל זיך אַזש צעכליפּען,
נאָר ער זעצט זיך אויף און גיט אַ רעווע: „היי, וואָס פּאַפּסטע?״

כאַפּט זיך אויף די ליפּעכע אין איינע שרעק: — „וואָס איז דאָ?
טפו, צו מיינע שונאים! אפשר גאָר אַ בייזער חלום —
לייג־איך אים דיר שוין דאָ אויס צו גוטן: זאָל עס פאַלן
ערגעץ איבער וויסטע וועלדער, איבער פּוסטע פעלדער,
און זאָל איינגעזונקען ווערן ערגעץ אין די זומפּן. . .״

ליפּע שלאָגט זי איבער: — „לאָז געמאַך, געווג געגראַגערט!״ —
און ער גיט איר איבער וואָס ער האָט געזען אין חלום —
און די ליפּעכע פאַרברעכט די הענט און נעמט זיך וויגן —
און פאַרציט דאָס פּנים מיטן מויל און גיט א כליפּע —
און זי מאַכט אויף גיך צו רעכט אויף זיך די רויטע קופקע —
און זי שעפּטשעט עפּעס מיט די ציטערדיקע ליפּן . . .
און זי וויל אים עפּעס פרעגן, ליבּען — נאָר ער לאָזט נישט:
— „פרעג מיך איצט נישט קיין קאַטשאַנעס, ליפּעכע — מע דאַרף נישט!״
און זיי כאַפּן אויף זיך אין דער פינצטער, וואָס סע לאָזט זיך —
און מע לאָזט זיך גיכע דורכן הויז צום הינטערטירל —
און — מ׳איז שוין אין דרויסן, אין דער ליכטיקער לבנה.

לעבן שטעלכל שטייען אָנגעשפּאַרט צוויי לאַנגע דרענגלעך —
נעמט זיי ליפּע, נאָר אפריער זאָגט ער דער בהמה,
דורך דער טיר, וואָס שטייט האַלב אָפן: „נישט געזאָרגט, וועסט האָבן
מירטשעם באַלד, אָט וועסטו זען, אי היי, אי וואָוו, אי זאַיען . . .״
און זיי לאָזן זיך צום וועלדל — גלייך צום פריצס פעלדער,
ווייל אַהין, זאָגט ליפּע, האָט געוויזן משהס פינגער . . .

אין דער לאָנקע, אויף דער סטעזשקע צו די ווייטע סטויגן,
זעט זיי איינע די לבנה, און סע אַרט זי גאָרנישט,
נאָר סע דאַכט זיך אַלץ דער ליפּעכע, אַז עמעץ זעט זיי . . .

„ליפּע, ווייסטו וואָס ? כ׳האָב מורא. דאַכט זיך, אַז מע טאָר נישט . . .״
— „לייען קרישמע, וועט אַוועק די מורא״ — און זיי גייען ~~בגיטער~~.
ליפּע גייט, אָט ווי ער גייט געוויינטלעך : „גאָט וועט היטן״.
— „וועמען וועט ער היטן ?״ — „וועמען ? אונדז און די בהמה . . .״
— „אוי, מע טאָר נישט גנבענען — אַליין געזען אין סידור.״
— „זאָרגסט דיך וועגן סידור ? וועגן דער בהמה זאָרג דיך . . .
כ׳גיי נישט גנבענען חלילה. ווייסט נישט וואָס דו קוואַקעסט . . .
כ׳נעם נישט צו ביי קיינעם עפּעס, וואָס סע וועט אים פעלן . . .
אָט־דער פריץ — וויפל סטויגן הונדערטער פאַרמאָגט ער ?
ער זאָל אזוי וויסן פון זיין וויסטן לייב און לעבן.
אַז דאָס ליגט און כאָליעט אין פאַריז — מע זעט אים גאָרנישט.
קומט ער יאָ אַ מאָל אַהיים צום ווייב און די ממזרים —
לאָזט ער פון די קייטן אָפּ די הינט, מע זאָל נישט קומען
מיט קיין עוולות צון אים, זיך אויף עמעצן באַקלאָגן,
אָדער נאָך א ביסל סיטשקע, צי נאָך היי אַ וויכעק,
אָדער נאָך אַ טאַרעבאָנצע גנאָי, דאָס פעלד צו מיסטן,
אָדער גלאַט מיט אַ בקשה . . . דאַנקען גאָט, איך דאַרף נישט —
נישט צון אים אַליין און נישט צו זיינע גוטע גויים . . .
לא מביקצך, לא מדיקצך . . .״ — „זאָג מיר, וואָס די טייטש איז . . .
טאַקע נאָר אַ יידענע, נאָר איך וויל אויכעט וויסן.״
— „עט, ס׳איז פון דער תורה . . . כ׳על דיר זאָגן, וועסטו וויסן ? . . .
ביי אַזאַ מין פויגל, זאָג איך, איז אַ מצווה נעמען—
און איך נעם עס נישט פאַר מיר, נאָר פאַר אַ בידנער חיה . . .

איבעריקנס, ווייז מיר איינעם, וואָס ער גנבעט גאָרנישט ;
נישט ביי יענעם, גנבעט ער ביי זיך, נאָר ער דערציילט נישט . . ."
— „אוי, ס'איז אָבער דאָ אַ יענע וועלט — באַרעכן, ליפּע,
יענע וועלט איז נישט קיין שטעטל, וואו מע דרייט אַ ספּאָדיק . . ."
— „איכ'ל רופן זי, די קו, אַז זי זאָל זאָגן עדות —
דאָרטן וואו מע וועגט דעם מענטשנס מצוות און נעווייַרעס,
צי איך גיי נישט אָט־אָ איצטער פון רחמנות וועגן —
נעמען ביי אַ צווייטן, וואָס ער קען נישט קיין רחמנות . . .
לאָמיך הערן, יידענע, וואו זעסטו דאָ אַן עוולה ?
סתם, דו גייסט מיר נאָך און קוואָקעסט ; כ'האָב געדאַרפט אַליין גיין . . .
גיי זשע נעם אַ סטויג אַליין, דעם קלענצטן סטויג אַפילו . . ."

זאָגט די ליפּעכע שוין גאָרנישט און מע גייט פאַרשטילטע,
און די סטויגן, עפּעס דאַכט זיך, ווילן זיך נישט וויגן . . .
ווי מיין לעבן, דאָס איז אַ פאַרבלענדעניש — איך זע דאָך —
מ'עט אזוי נאָך גיין אַ גאַנצע נאַכט, ווי'ן יענער מעשה . . .
נאָר די ליפּעכע האָט מורא פון דערפון צו רעדן,
טראַכטן וועגן דעם אַפילו — טאָר מען קעגן נאַכט נישט . . .

— „ליפּע, רעד אַ וואָרט, כ'האָב מורא גיין אזוי און שווייגן . . .
אפשר טאַקע פונעם סידור עפּעס אויסנווייניק ? . . ."
— „גיי, ווי קומט אַהער אין מיצקע דרינען גאָר דער סידור ?"
ליפּע וויל נישט הערן, און די ליפּעכע — זי קרעכצט אַלץ.

פלוצעם פילט ער, ליפּע — ער קען אויך נישט גיין און שווייגן . . .
עפּעס קומען אים מחשבות מאָדנע אויפן זינען :

די בהמה זאָל נאָר דאָרט נישט נעמען רעדן ווערטער,
אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט זי ביי אים אָפּגעהונגערט —
(נישט געווען געגוג צו לעבן, צו פיל — אויף צו שטאַרבן).
ר׳איז מיט גוטע רייד זי אָפּגעקומען גאַנצע וואָכן . . .

וויל ער זיך פאַרטרייבן די מחשבות — נעמט ער בורטשען,
בורטשעט ער אַזוי, די ליפּעכע זאָל אויכעט הערן :
„היינט, נאָך פאַרן דאַווענען, קומט צו ר׳ פּנחס־איטשע :
— ליפּע, וויפל זענען דאָ אָבינוס מיט מלכנוס ? —
און דער מנין יידן שמוכעט און מע וויל מיין ענטפער״.
„נו זשע, האָסטו אים געזאָגט ?״ — „משוגע דאַרף מען ווערן . . .
איר קענט בעסער, זאָג איך, ציילן, ציילטס אַליין, זייטס מוחל.״
„ווען דו ציילסט זיי פאַר אים איבער, וואָלט געווען אַן אומגליק ?
גלייב מיר, מיט א נגיד איז נישט גוט זיך אָנצוהייבן.״
„ר׳האָט א סידור גלייך מיט מיר — וואָס דאַרף ער מיך צו פרעגן ?
כ׳בין געקומען דאַווענען — וואָס דרייט ער מיר אַ ספּאָדיק ?״ —
„יענער אָבער בעט דיך עפּעס, וואָס סע קאָסט קיין געלט נישט...״ —
„כ׳בין נישט זיין משרת, — און דו לערן מיך נישט רעדן . . .״

ליפּע ווערט נאָך מער פאַרכמורעט און ער ווערט אַנטשוויגן.
גייט מען, גייט מען — און מע רעדט שוין צווישן זיך נישט גאָרנישט.
ליפּען נאָגט ביים האַרץ, ווייל פון דער וועטשערע, דער פריער —
ווידער, ר׳זאָל נישט זינדיקן, די קאַלטע מאַמעליגע,
ווייטער ציבעלע מיט זאַלץ, און וואַסער צו פאַרטרינקען —
וואָס, מישטיינס געזאָגט, איז דאָ פאַראַן די זעט צו האַלטן ? . . .
עט, אַ מאַמעליטשקעלע, אַ הייס, מיט פרישער ברינדזע,
אָדער מיט צעלאָזטער פּוטער און אין קעז צו טונקען,
און פאַרטרינקען מיט א שעפּער שמאַטעבאָרשט, אַ קאַלטן —

וואָס איז דאָ צו רעדן? דאָס וועט דיר נישט נימאס ווערן,
זאָלסט עס דאַרפן עסן דריי מאָל דורכן טאָג אַפילו . . .
נאָר ער מאכט עס מיט דער האַנט אַוועק: געשמדטער גאָרגל! . . .
און ער גיט אַ טראַכט פון איר, דער ליפּעכע, מיט לאַסקע —
אירס אַ מילכיקן מאלאַי מעג עסן אויך דער קייסער;
כ׳וואָלט אים נישט אַוועקגעגעבן פאַרן בעסטן לעקעך,
און פאר אירס אַ שעפּער שמאַטעבאָרשט — די בעסטע וויינען.
און כ׳האָב נאָך קיין „שיקסע" קיין מאָל נישט ביי איר געפונען
אין אַ מאַמעליגע — זינט זי קאָכט מיר מאַמעליגעס;
גלייך פון דעם טשוהונדל — אויפן מאַמעליגע־ברעטל
און מע קען אין דער מינוט זי שניידן מיטן שטריקל . . .
וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? אז זי האָט נאָר קאָכט זי . . .
מיינסטנס אָבער האָט זי מער נישט ווי די הוילע פינגער —
און זי קומט עס אָפּ געגנוג ביי אים — זי׳ז נאָך א מלאַך . . .
ווייל אן אנדערע וואָלט גאָר געזאָגט: זי וויל נישט וויסן —
הענג און ברענג — איך בין נישט ארגער פון דער קו אין שטאַל דאָרט.

פּלוצעם דאַכט זיך אים: ער האָט דערהערט דער קוס אַ מרוקע
אָט־אָ לעבן זיך . . . ווען נישט דאָרט אויבן די לבנה
וואָלט ער זיך געשוואוירן, אז די קו איז מיטגעקומען . . .
עפּעס קומט דער מרוקע טאַקע ווי פון דער לבנה, —
ליפּע אָבער לאַכט זיך אויס דערפון: ס׳איז פּוסטע שטותים . . .

זי, די ליפּעכע, גייט נאָך נאָך ליפּען און זי טראַכט זיך
אויך אַזאַ געטראַכטס ווי ער, מע זאָגט: אַ האָר זאָל פעלן . . .

האָט ער דען באַהאַלטן עפּעס — און ער וויל נישט געבן ?
וויפל גאָט באַשערט — אַבי געזונט . . . פאַראַן נאָך אַרגערס.
אויף אַ קו איז דען נישט מער רחמנות ווי אויף מענטשן ?
אָט א מענטש — ווי ס׳אי׳־ניט־איז — ער רעדט ביז ער דערנעדט זיך,
און פאַראַן אַ גאָט, אַ גוטער — אין אַ צרה העלפט ער.

אוי, נישט איין מאָל עסט זי ליפען אויף א לעבעדיקן —
זי פאַרגעסט זיך . . . אָבער ליפע בלייבט איר גאָרנישט שולדיק . . .
פלוצעם גיט פון אים אַ שפּרונג ארויס זיין שיינער טאַטע,
וואָס ער האָט געהאט אין וועמענען צו זיין געראָטן . . .
דעמאָלט האָט זי וואויל חרטה, נאָר ס׳איז שוין פאַרפאַלן —
ער באַצאָלט איר פאַרן משוגעת, נאָך מיט אַ ווערעך.

פלוצעם דאַכט זיך איר : זי האָט דערהערט דער קוס אַ מרוקע,
און דער מרוקע קומט פון דער לבנה — קען זי שווערן.
נעמט זי זיך מיטביידע קוליקעס די שלייפן האַקן :
— „ליפע, האָב אויף מיר רחמנות — די לבנה מרוקעט . . .
איכ׳ל עס נישט איבערטראָגן — כ׳על אַראָפּ פון זינען . . .
קום אהיים — אוי, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיינע יאָרן ? !״ —
און סע נעמט איר וואַרפן הענט און פיס, ווי אין קדחת.

זאָגט איר ליפע מיט פאַרקלעמטע ליפן : „פּאַראַדומע !
שוין אַריין אין דיר דער טראַנץ ? איך שרעק מיך ווינציק איבער.
זאָלסט אין דער מינוט אַריין צוריק אין די האָלאָבליעס —
אָדער גיי זיך דיר געזונטערהייט אַהיים. איך גיי נישט.
טאָמער אָבער וועט דער קו חלילה עפּעס טרעפן —
וועל איך דעמאָלט צו דיר אנדערש רעדן . . . איז גערענק זשע !״

ליפּע זאָגט עס ניבעטע באַדאַכט און אײַנגעהאַלטן,
נאָר די ,,ליפּעכע איז גוט אַ מבין אויף זײַן רעדן,
און זי הערט דערין אַצינד אַ פּייערל, וואָס טליעט . . .
וואָס ער קען איר באַלד דאָ אָפּטון — וויל זי גאָרנישט טראַכטן ;
ווישט זי זיך די ליפּן אָפּ און זאָגט שוין מער קיין וואָרט נישט,
און זי ווערט אין דער מינוט צוריק אַן אָפּגעקילטע.

גייט מען — ביז דער ליפּעכע ווערט ווייטער עפּעס פּריקרע :
— ,,ווײ מיר, ליפּע, דאַכט זיך, אַז מיר שלעפּן זיך שוין שעהען —
און מע שטייט נאָך אויף אַן אָרט . . . וואו זענען דײַנען סטויגן ?"
— ,,מײַנע סטויגן ? . . . יידענע, דו רעדסט און דו קאָלאָטעסט . . .
מײַנע צרות זענען מײַנע, נישט דעם פּריצס סטויגן.
אָבער נישט געיאָמערט — ס'איז שוין נעענטער ווי ווייטער.
אַט־אָ ווע'מיר אונטערהייבן באַלד אַ לייטיש סטויגל —
אײַנס אַ גרינגס — מע זאָל עס קענען ביז אַהיים דערטראָגן,
זאָל נאָר אַלץ אַריבער גלאַטיק, זאָל קיין האָן נישט קרייען,
ווערסטו זען, ווי די בהמה וועט נאָך קומען צו זיך —
זי'ט זיך ווידער לאָזן מעלקן — און ס'עט זײַן אויף פּאַשע —
און פּאַר אונדז אַליין וועט זײַן אַ זעקעלע פּאַפּשוימעל,
אי אויף מאַמעליגע, אי אויף מילכיקע מאַלאַיעס — — —"

ליפּע גיט אַ זיפץ — אַ ביסעלע זיך אײַנגעמידיקט :
עט, נישטאָ די יונגע כוחות . . . שוין נישט יענער ליפּע,
וואָס דאָס גאַנצע דאָרף מיט גויים האָט פאַר אים געציטערט.
כ'האָב די הענט געווירשעט פונעם טאַטן, און דער טאַטע —
פונעם זיידן — ביידע זאָלן זיי זיך דאָרטן מיען.

אָט־דער זיידע האָט אַ מאָל אַ גוי דערלאַנגט אַ טלימע, —
ווייל ר׳האָט זיך געוואָלט אויף א יריד די הענט צעפירן —
האָט אים באַלד די רויטע יויך באַליאַפּעט, און דערצו נאָך
איז ער אין א הינערפּלעט אַריין אויף צוויי מעת־לעתן . . .
נאָך די צוויי מעת־לעתן איז דאָס דאָרף געקומען בעטן :
— הער זיך איין, גדליה, קום צו גיין — ר׳האָט מורא אויפשטיין . . . —
איז דער זיידע צוגעקומען, אים דערלאַנגט אַ קיצל —
„נו, דומיטרו, זאָג — דו וועסט נאָך וועלן שלאָגן יידן ?"
מאַכט דומיטרו מיטן קאָפּ אויף ניין און זאָגט : „לאָך שטאַרבן !"
און דער זיידע הייסט דערלאַנגען בראָנפן, און דומיטרו
לאָזט אַראָפּ אין גאָרגל האַלב, די צווייטע האַלב — דער זיידע,
און דער זיידע גיט אַ שבועה: מער קיין האַנט נישט לייגן
אויף קיין מענטשן — סיידנס אפשר נאָר אזוי אַ גלעט טין . . .
פון אַ גלעט אַזאַ, נישט איין מאָל, פלעגט נאָר יענער פישן
דריי מעת־לעתן קאַלעמוטנע — און פלעגט צו זיך קומען . . .

און דער זיידע איז געווען אַ קליינס, אָן אָנגעדאָפּטשעטס —
נאָר געהאַט אַ לאַבע ווי אַ ראָד מיט פינעף שפּייכן.
ער האָט קיין מאָל נישט געדארפט די בנים עפּעס זאָגן —
ס׳איז גענוג געווען אַ קוק, א האַלבער קוק, אַ וואונק נאָר . . .

און געשטאָרבן איז דער זיידע — אָט, צוליב אַ גאָרנישט :
אַ זאַניטעצע אויף איינעם פון די פוסן־פינגער.
אַ פאַרשטעכעכץ — און ס׳האָט אָנגעצויגן, ווי געווינטלעך.
נו, וואָס לייגט מען צו דערצו ? אַ שטיקל פרישע קישקע; —

אָנגעטאָן די קישקע אויפֿן פינגער, ווי אַן אַרבל,
נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפֿן; מילא, וואָס זשע טוט מען איצטער?
נעמט מען לייגן שטיקער פּאָוועטיניע — נאָר סע העלפֿט נישט.
און קיין רופֿא, זאָגט דער זיידע, זאָל מען נישט דערמאָנען —
מע זאָל גאָר פֿאַר אים דאָס וואָרט נישט ברענגען אויף די ליפּן!
איין מאָל האָט אַ רופֿא זיינס אַ שוועסטערקינד דערהרגעט —
אים געגעבן צו אַ הוסט אַזאַ מין גרינס, אַ שווענקעכץ —
איז ער אויפֿן צווייטן טאָג דערפֿון געגאַנגען שלאָפֿן . . .

מאַטערט זיך מיט דער זאַניטעצע אַ וואָך דער זיידע —
און ער ווערט אַנטשלאָפֿן ווי אַ צדיק — אין א פּרייטיק . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

און די ליפּעכע גייט נאָך דעם מאַן און זיפֿצלט אונטער,
און זי בעט זיך ביי איר מוטער, אז זי זאָל איר ביישטיין —
זי וואָלט זיך שוין וועלן זען צוריק ביי זיך אין שטיבל —
ז׳האָט נאָך קיין מאָל נישט געשראָקן זיך אזוי ווי איצטער —
כאָטש סע הערט נישט און סע זעט נישט קיינער — גאָט אַליין נאָר . . .
די לבנה אויבן איז מסתמא גאָטס שליח —
זי זאָל פֿאַר אים אַלץ דערציילן, וואָס מע גייט איצט אָפּטון . . .
...מאַמע מיינע, איך געדענק, ווי דו פֿלעגסט זיצן באָרוועס
תשעה־באָב אַ גאַנצן טאָג אין שילכל, ביי די ווייבער —
און געוויגט זיך גלייך מיט אַלע און געוויינט מיט אַלע,
ווען די שוחטקע האָט פֿירגעלייענט מעשה־קמצא . . .
דו האָסט נישט געקענט קיין עברי — מ׳האָט דיך נישט געלערנט.

ווען מען זאָל געווען דיך לערנען, וואָלסטו אויסגעוואַקסן
גאָר אַ גרויסע רביצין — איך ווייס, איך האָב סימנים:
ווייל אַז אַלע האָבן אָפּגעווײנט, מ׳איז זיך צעגאַנגען —
בי׳סטו איינע נאָך געבליבן זיצן און זיך וויגן,
און געשנייצט די נאָז אַ גאַנצן טאָג, געווישט די טרערן . . .
יעדן שנייץ האָט מען געהערט ביז העט אַראָפּ אין שטעטל.
און צו ביידע קינות פלעגסטו גיין און קומען באָרוועס,
און דו פלעגסט נישט גיין ווי אַלע גייען, אויף דער סטעזשקע,
נאָר אין שאַנץ, צעווישן שטיינער, בייבער — זאָלסט דיר אָנטון
וואָס מער ווייטיק אַלץ, צוליבן חורבן־בית־המקדש . . .
און די קינדער פלעגן אויף דיר וואַרפן בערג מיט בערלעך,
מאַכן פון דיר־בלאָטע, דיך באַזינגען — דו פלעגסט שווייגן,
אָנגענומען די בזיונות, פונקט ווי ס׳זאָל דיר קומען:
„שאַלטיקעס — ס״איז תשעה־באָב — איז ווייסן זיי: זיי מעגן . . .״
נישט אזוי אַ צווייטן טאָג: פלעגט נאָר אַ קינד דיך טשעפּען —
האָסטו אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּראַסק, ער זאָל געדענקען.
קינדער, פלעגסטו זאָגן, דאַרף מען לערנען דרך־ארץ.

מאַמע, קוק פון דאָרטן וואו דו ביסט איצט, אין גן־עדן,
זיי אַ גוטע בעטערין און טו וואָס מע באַדאַרף דאָרט,
און באַשיץ מיך — לאָמיך אָנקומען אַהיים בשלום.

גייט מען, גייט מען — און מע רעדט נישט גאָרנישט, און מע טראַכט נאָר,
ווייל מ׳האָט מורא רעדן, ווייל מע וויל די שטילקייט הערן . . .

דער לבנה איז מסתמא פלוצעם קיל געוואָרן —
האָט זי זיך באַהאַלטן אונטער דינע וואָלקנס וואַטע.
ס'איז געוואָרן פינצטערלעך ארום און טאַקע קילבלעך,
און די ליפּעכע האָט אַזש אַ מאַך געטאָן : „וואָס טוט מען ?
מ'עט חלילה נאָך פאַרבלאָנדזשען אין אַ פעלד מיט זומפּן."

טרייסט זי ליפּע : „לאָז זי גיין, די פּריצה — ווער באַדאַרף זי ?
אפשר בעסער אַז זי ווייזט נישט איצט איר גאַנצע שיינקייט . . .
איבעריקנס, הערסטו, זענען שוין נישט ווייט די סטויגן —
גיב אַ גוטן צי אַריין דעם אָטעם — נו, וואָס זאָגסטו ?"
„זאָג, כאָטש : דאַנקען גאָט דערפאַר." — „איך וועל אים שפּעטער דאַנקען —
אַז כ'על זען דאָס סטויגל אָפּגעלייגט ביי אונדז אין שטעלכל . . .
פאַר אַ האַלבער אַרבעט דארף מען זיך נישט איילן דאַנקען . . ."

די לבנה דעקט זיך אויף און ווייזט פון ווייט די סטויגן —
(ליפּע מיט דער ליפּעכע — זיי ווערן אַזש מבולבל —)
און זי דעקט זיך צו צוריק און מאַכט זיך, אַז זי שלאָפט שוין . . .
הינט אין פּריצס באָעגנטן דערפּל לאָזן דווקא וויסן,
אַז זיי שלאָפן נישט — נאָר וואָס ? מע הערט זיי ווי דעם בעדער.

ביי די ערשטע סטויגן זעצט מען זיך אַ ווייל אַנידער,
טאַקע מער נישט ווי אַ רגע, נאָר די פיס דערפילן —
און מע מבינט אָפּ אַ סטויגל :— קליין, נאָר שטייף, פאַרגליוועט . . .
ליפּע שטעכט עס דורך מיטביידע דרענגלעך העט פון אונטן —
און מע גיט אַ הייב : — „נישקשה . . . האידאַ! מע'ט באַוויזן".

ליפּע גייט פון פאָרנט און די ליפּעכע פון הינטן —
און דער סטויג אין מיטן וויגט זיך מיט די טריט אין שפּאַנען.

די לבנה ווייזט זיך מער נישט, נאָר גענוג איז ליכטיק —
מען זאָל קענען גיין און טראָגן און זיך קענען היטן . . .
מיטן סטויג איז שווערער. אָבער גיין צוריק איז גרינגער . . .
ביידע סאָפּען ווי די גאַנערס — בלייבט מען שטיין אַ רגע,
און גענוג — וילד, ווייל די נאַכט וועט דאָך נישט וואַרטן.

אַז מ'איז קוים מיט צרות אָנגעקומען פאַר דער כאַטע,
האָט שוין על־פּי שכל, דאַכט זיך, באַלד באַדאַרפט צו טאָגן.
מ'איז אַריין אין שטעלכל מיטן סטויגל אויף די דרענגלעך,
און עס אָפּגעלייגט און זיך פאַרגונען אָפּצוהוסטן.
די בהמה האָט זיי אויפגענומען מיט אַ מרוקע,
נאָר פון שוואַכקייט האָט זי זיך נישט אויפגעשטעלט אַפילו.

ליפּע האָט אַ מידער אָנגעצונדן אַ לאַמטערן,
און געהייסן איר, דער ליפּעכע, זי זאָל אים האַלטן:
„לאָמיך אָקערשט דער בהמה געבן צו פאַרזוכן
פון דער סחורה, וואָס מיר האָבן פאַר איר אײַנגעהאַנדלט — — —
ס'עט איר כאַטש געפעלן ?... הערסטו, ליפּעכע, וואו ביסטו ?"
נאָר זי שטייט פאַרגליווערט, מיט אַן אָפּגענומען לשון,
מיט פאַרגלייזטע אויגן און מיט ביידע הענט צום סטויג צו: —
„שמע ישראל !" — און זי לאָזט אַרויס אַ קוויטש, און חלשט.

ליפּע גיט אַ כאַפּ אַ ווידלע און איז גרייט צו שטעכן —
זאָל נאָר עמעצער זיך ווייזן און זיך וועלן שלאָגן.
„וואָס האָסטו דערזען ? וואָס שרייסטו ? ליפּעכע! צעדולטע!" —
און ער גיט איר אַ פּאָר טרעסע, און ער ברענגט זי צו זיך —
„וואו, מטורפע — וואָס עסטו? ביסט אַראָפּ פון זינען!"

שטייט זי אויף און ווייזט פון ווייטנס, — ליפּע גייט צו נענטער,
דעם לאָמטערן שיקט ער פריער . . . יאָ, ס'א זשמוט מיט קודלעס . . .
קודלעס ? טפו, צו מיינע שונאים — אָט איז אויך דאָס קעפּל . . .
ליפּען גיט אַ דראָזשע, נאָר ער שטאַרקט זיך, גייט צו נענטער . . .
נישט קיין קעפּל, נאָר אַ קאָפּ — און אָט־אָ ליגט אַ מענטש גאָר — — —
ביטער . . . ווער האָט מיר געוואָלט דאָ עפּעס אונטערוואַרפן ?
אוי, וואָס טוט מען ? „ליפּעכע, וואָס שטייסטו ?! גיב אַן עצה —"
און ער גיט אויף איר אַ ריטשע : „הער שוין אויף צו גאַפּען!"

פונעם ריטשען האָט דער קאָפּ אין סטויג געטאָן אַ ציטער,
אויפגעמאַכט אַן אויג, אַ צווייטס, זיך אומגעקוקט דערשראָקן.
ליפּע האָט אַ כאַפּ געטאָן די ליפּעכע : אָט דאַכט זיך,
פאַלט זי ווידער אין חלשות — הייב דיך אָן מיט ווייבער . . .
אין די אָרעמס פילט ער, ווי זי ציטערט ווי אַ לולב.
ער איז אויך פאַרצאַפּלט, נאָר ער ווייזט אַרויס דעם מאַנצביל —
גיט אַ כאַפּ די ווידלע ווידער — און איז שוין ביי יענעם,
וואָס ער מיינט, אז ס'איז אַ שד, און — „אָט וועל איך דיר ווייזן" —
און ער גיט אַ הייב די ווידלע, יענעם דורכצושטעכן.
אָבער יענער גיט אַ רעווע: „ליפּאַ! ווײַ, וואָס טוסטו ?
ווילסט מיך גאָר דערהרגענען ? איך האָב א ווייב מיט קינדער —"

דאָס האָט ליפּען ווי דערלאַנגט אַ זעץ אין סאַמע שטערן.
ר'האָט ארויסגעלאָזט די ווידלע פון דער האַנט, פריטשמעליעט,
און געבליבן שטיין אַזוי, סטאַפּאַם, ווי אין כאַפּלעקציע.

נאָר דער מענטש אין סטויג האָט פּלוצעם אָנגעהויבן לאַכן
און כאַכאַקען און כאָכאָטשען אויף אַזעלכע קולות,
אַז די ליפּעכע מיט ליפּען האָבן באַלד פאַרשטאַנען
וואָס דאָ איז אַזוינס, און אויכעט אָנגעהויבן לאַכן —
אָבער לאַכן! מ׳האָט זיך אַזש פאַרהוסט און זיך פאַרכליפּנעט,
מ׳האָט זיך אַזש ניט־שיר דערוואָרגן און מ׳איז בלאָ געוואָרן
ווי די מילצן, און אַזש קוים זיך אויף די פיס געהאַלטן —
ביזקל מ׳איז אַוועקגעפאַלן לעבן סטויג ווי טויטע. —

אַז מ׳האָט אָפּגעאָטעמט און זיך אויסגעווישט די טרערן,
און זיך לייטיש אויסגעהוסט און אויסגעשנייצט די נעזער,
האָט פאַרסאָפּעט ליפּע קוים ארויסגערעדט: „דו, פּעטרו —
זאָג אַליין, צי מעג דיך נישט נאָך היינט די ניכפּה טרעפן: —
אָט אַזוי־אָ נעמט מען און מע שרעקט עס איבער מענטשן?
אויפן סטויג האָט זיך געוואָלט דיר שלאָפן, שיינער וועכטער?"
„איצט פאַרשטיי איך — מאַכט די ליפּעכע — פאַר וואָס דאָס סטויגל
האָט אַזוי געוואויגן — כ׳האָב געפילט: איך רייס מיך אונטער.
זאָלסט כאָטש קיינעם נישט דערציילן וואָס דאָ האָט געטראָפן —"

דאָ האָט פּעטרו זיך געצלמט און געהייסן שווייגן:
„ליפּעכאָ, דו זיי מיר מוחל — רעדסטו ווי אַ שמעגעגע.
ווי זאָל איך עס גיין דערציילן וואָס דאָ האָט געטראָפן?

וואָס ט׳מען זאָגן ? אָט־דער פּעטרו — איי, איז דאָס אַ וועכטער !
כאַליעט אויף אַ סטויג, און פּאַפּט, און הערט נישט ווי מע טראָגט אים
מיטן סטויג אין איינעם — אַ כאַליערע זאָל אים כאַפּן ! . . .
און דער פּריץ וואָלט דערפאַר פון מיר געשניטן שטיקער
און זיי פאַר די הינט געוואָרפן — פאַר אַזאַ מין היטן . . .
נישט קיין פאַרע זאָל אַרויס דערפון, קיין הויך אַפילו
פון די מיילער אונדזערע — אָט איז די קאַץ אַן עדות . . .״

„זאָג מיר פּעטרו טייערער״ — די ליפּעכע צעוויינט זיך —
„זאָג מיט וואָס מיר קענען דיר באַצאָלן פאַר דער טובה,
אַז״ — און זי צענעמט די הענט און וויזט — „מיר האָבן גאָרנישט.
גאָט וועט אונדז באַגליקן — וועט מיר אויכעט דיך געדענקען . . .״
ליפּע זיצט פאַראומערט און ער האַלט די צונג אין קימפּעט.
עפּעס זאָגן מוז ער אָבער, ווייל ער קען נישט שווייגן.
מאַכט ער בייזלעך צו דער ליפּעכע: „אַ פּיילע־וואַפּכע! —
ס׳איז דיר תשעה־באָב, צי גאָר יום־כיפּור, וואָס דו כליפּעסט ?
זעסט, אז מענטשן ווילן רעדן — וואָס זשע ברעכסטו פּיסקעס ?״
און צו פּעטרון מאַכט ער, נאָר ער הוסט זיך אויס אַפריער :
„גוט זשע, פּעטרו, האָסט געזאָגט, די קאַץ זאָל זיין אַן עדות; —
אָט־אָ ליגט זי און זי טויקעט זיבן פרישע קעצלעך.
ווי די קאַץ וועט גאָרנישט רעדן, זאָ׳מיר אויכעט שטומען.

ווער סע וועט דעם סוד צעפּלאַפּלען — זאָל אַ בראָך אים טרעפן.
זאָג זשע פּעטרו דראַגאַ: „אָמן". — ענטפערט פּעטרו: „אַמין.
ווייסט וואָס באָך איך וועל דיר זאָגן, ליפּאַ? אַט־אָ נעם איך
צוויי פון דיינע קעצלעך פאַר מיין ווייב, פאַר דער פּעטראַיע.
צוויי — עס זאָל זיך זיי נישט בענקען . . . ליפּעכאַ, וואָס שווייגסטו?
איך האָב אויך ביי מיר דעם עדות — דאַרפסטו דיך נישט שרעקן."

און ער לייגט אַריין די קעצלעך גלייך צו זיך אין בוזעם,
צווישן העמד און צווישן לייב — זיי זאָלן אים דערקוויקן —
(טאַקע דאָרטן, וואו ער האלט די מאַמעליגע וואַרעם,
אַז ער גייט פאַר נאַכט אין פעלד אַריין, דאָס היי צו היטן) —
און מע שאָקלט מיט די קעפּ און ווינטשט זיך: נואַפּטע בונאַ!,
אָבער אין דער טיר־שפּאַרונע דאַכט זיך, אַז סע טאָגט שוין,
און סע דאַכט זיך, אַז דער וואָראָבייטשיק נעמט זיך וועקן . . .

ג ל אָ ס אַ ר

•

אָבינוס מיט מלכנוס — אָבינו־מלכנו, גאָט, פונעם דאַווענען

בּרינד.ע — שאַפּענער קעז

בערלעך — די שטעכלקעס, וואָס קינדער וואַרפן תשעה־באָב

דראַגאַ — רומעניש: ליבינקער

האָפונג — האָפענונג

טאַרעבאָנצע — טאַטשקע

טראַנץ — משוגעת

טויקען — זייגן

טלימע — אַ זעץ

לאָך שטאַרבן — זאָל איך (אזוי) שטאַרבן, אַ שבועה

לא מביקצך, לא מדיקצך — פון לא מדובשך ולא מעוקצך; כ׳וויל
נישט דיין האָניק און כ׳וויל נישט דיין שטאָך

נואַפּטע בונאַ — רומעניש: אַ גוטע נאַכט

עובר — עמבריאָ

פּילע־וואַפּכע — פלא והפלא

פּאַראַדומע — פרה אדומה

פערשאָללען — דייטש: ערגעץ הינגעקומען, מע ווייסט נישט וואו

קאַטשאַנעס — נאַרישע קשיות

קום טע קיאַמאַ? — רומעניש: ווי הייסטו?

שאַפּטע גליקן — רומעניש־יידישער אידיאָם: זיבן גליקן;
פעקלעך

שטאָפּלען; די תבואה־שטעקלעך, וואָס בלייבן איבער נאָכן
שניט

שמאַטעבאַרשט — אַ באַרשט פון בוריקע־בלעטער

„שיקסע״ — אַ נישט צעקאָכט גולקעלע רוי מעל אין דער מאַ־
מעליגע;; ווי אַ שיקסע זאָל טראָגן אַ זעקעלע מעל...

שטריקל — אַ מאַמעליגע שניידט מען מיט אַ שטריקל, אָדער מיט
אַ פאָדעם

תוכן

אַזוי קומט דאָס ליד

אַזוי קומט דאָס ליד — 3
צו דער מאַמען — 4
לשון מיינס — 5
אַ סענטימענטאַל ליד — 6
די שעה פון געלייטערטקייט — 9
דריי געשטאַלטן, שאָטנס — 12
הימל און ערד — 13
אויף אַ פאַרגאַכטיקער סטעזשקע — 16
גערייד וועגן גאָט — 22
ליד — ייד — 27
אַ הירש מיט צעוואונדיקטע טלאָען — 28
מיט די שטערן — 29
דולע טויבן — 30
נו, יבוא יום — 31
איך וועל זען — 32
אַזוי פיל — 33
וואָס טיכטו מיט דער שיינער וועלט? — 35
אין די בערג: אַ פלאַטערל; גרילן — 37
כ׳האָב צוגעלייגט דעם אויער — 38
משיח וועט קומען — 39
קווייטן פראָסט — 40

לידער פאַרן שטערן - וואָגן

די באַלאַדע פונעם סאַדעגורער קלייזל — 41
פון זינט — 47
כ׳בין געקומען — 48

ווי דו האָסט מי רשטיל געבאָטן — — — — — — — — 48
. שיינע אויסגעטראַכטסן — — — — — — — — — — — — 49

ליפּע מיט דער ליפּעכע — — — — — — — — — — 50